STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02764

DOS PINTELE YUD

Bores Thomashefsky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דָאס פִּינְטֶעלֶע יוּד

אָפּערעטע אין 4 אַקטען

פון

ב. טהאמאשעווסקי.

פערקויף: געז. „צענטראל", ווארשא.

פערזאָנען:

גראף וולאדיסלאוו זאבלאצקי.	
אהרן מענדעלזאהן	א רייכער יוד.
חיענע	זיין ווייב.
מירעלע	זייער טאָכטער
רבקה	א אָרימע פרוי.
יעקב וואלערשטיין	אדוואָקאט.
ליזוער	א געוועזענער קאָוואל.
שרה	זיין ווייב.
ביינוש	זייער זוהן.
א רב	
שמואל	א שמש.
ישראליק	א בר-מצוה בחור.
בינימא, פעפימא	טענצערינס.

האנדלונג: רוסלאנד.

1-טער אַקט.

אַ צימער בײַ אהרן — 2 טהירען ריקװערטס פיהרען אין 2 שלאָפצימער: אײנס פאַר אהרן מיט'ן װײַב און אײנס פאַר'ן רב. רעכטס — אַן אָרון-קודש.

שמואל: אײַ אײַ, פּלאי פלאות, האָניג האָט זיך געגאָסען פון זײַן כשר'ן פּיסקאַטש, פּערעל זענען געפאַלען פון זײַנע כשרה ליפּען, װען דער רב אונזערער, ער זאָל מאריך ימים ונשים זײַן, האָט זיך צולאָזט מיט זײַן הײליגער דרשה, געקראָכען איז ער פון דער גמרא צו דער שכינה, פון משניות צום זהר, געגראַבעלט האָט ער זיך אין תלמוד און אין פּסקים און האָט בעװיזען מן התורה, אַז דער עיקר בײַם יודען איז דאָס פּינטעלע יוד.

אױ, גאָטעניו, װען ניט דאָס פּינטעלע יוד, װאָס װאָלטען מיר, יודען אינגאַנצען (ערהאָט? דאָס איז דאָך אינגאַנצען, װאָס עס איז אונז געבליבען פון אַלע אונזערע צרות און יסורים.

לײזער: (דרױסען). לאָזט מיך אָב, איך בעט אײַך, מיט אײַער רב, מיט זײַנע דרשות.

שמואל: אַהאַ! אָט קומט דער שטאָדט-שגץ, ר' לײזער קאָװאַל. ר' לײזער קאָװאַל האָט ער אַמאָל געהײסען, װען ער האָט נאָך געקאָװעט קליאַטשעס און געשמירט רעדער מיט דיאָגט, הײַנט איז ער העט, העט... דו האָסט טאַקע אַ פּאָר קאָװאַלישע הענד דערפאַר האָב איך אַ קאָפּ פון אַ תלמיד-חכם, נו, מען דאַרף איהם און גיב דאָס ישראליקל...

לײזער: בעפאַלען זענען זײ מיך, װי די הינה אַ קליאַטשע, מיה געפעלט ניט, נו, איז װאָס?

שמואל: ברוך הבא, ר' לײזער, װי געפעלט אײַך די דרשה פון אונזער נײַעם רב, האַ?

לײזער: די גאַנצע יודישקײַט, זאָגט ער, שטעהט נור אויף ערהליך לעבען און ערהליך האַנדלען, נו, װאָס-זשע? איז געדרונגען, אַז װאָס? אַז אַ פערה דאַרף מען שפּאַנען אין אַ װאָגען און רעדער דאַרף מען שמירען זײ זאָלען זיך דרעהען?

שמואל: הער נאָר אַ משל פון אַ קאָװאַל!

לײזער: װאָס-זשע, אַ גוי, הײסט עס, אַז ער האַנדעלט ערהליך און לעבט ערהליך איז ער שוין ניט קײן גוי, נאָר אַן ערהליכער יוד? חאַ-חאַ-חאַ!

אזא לשון פון א רב הער איך צום ערשטען מאל, זאל מיך אזוי גאט מצליח זיין, א צוציק איז ער, ניט קיין רב, נאך ניט קיין געקטשעוועט פערדעל, נאט וואס ער איז. דאס האט ער איהם אהער געבראכט, ער זאל איהם פסק'ענען שאלות, ווי ער וועט וועלען. אבער לא מיט א פאדקאווע. ליזער קאוואל לעבט נאך! ער מיינט, וויל ער האט די אנדערע אריינגעכאפט אין זיינע לאפעס, וועט ער דאס גאנצע שטעדטעל פיהרען ביי דער נאז! לא, זאגט ליזער, איך וועל איהם ווייזען!

שמואל: פע, ר' ליזער, איהר זענט דאך, זייט מוחל, א יוד א בייזער. סטייטש היינט איז דאך א שמחה ביי ר' אהרן... און נאך וואס פאר א שמחה! א בר מצוה ביי א יתומ'ל, וואס איז געבליבען פון די יודישע קדושים, פון די פאגראמען ימח שמם, און אז אזא שמחה איז שלעכט, וואס-זשע איז גוט?

ליזער: שלעכט—גוט... וואס ווייסט אזא קאלטענוואסער יוד, וואס איז גוט און וואס איז שלעכט? איהר ווייסט נאר איינס: וועקען צו סליחות, רופען צו א ברית, אדער קלאפען מיט די צדקה-פושקעס.

שמואל: אבער מיט צדקה-פושקעס קאן איך קלאפען? צדקה תציל ממות קאן איך שרייען? נו, וועט איהר זעהן, ווי איך וועל קלאפען, ווי איך וועל שרייען, אם ירצה השם, ווען איהר...

ליזער: שטיל, שייגעץ! פעטש וועל איך געבען, פעטש... דו! דו!...

שמואל: געוואלד!!! יודישע קינדער, געוואלד!

שרה:

שרה: וואס איז דא, א געוואלד?...

שמואל: אהן סוד, אהן ספראווע, גלאט אזוי, שמואל האט באקען און ווער עס וויל זאל פאטשען...

ליזער: האסט אריינגעכאפט דיינס — שווייג! פון היינט אן און ווייטער וועל איך אלע לערנען דרך ארץ.

שרה: וואס זענען מיר עפעס קיין מענשען ניט? מיר זענען מיוחסים!

ליזער: אוי, א צרה איז מיר, מיין שרה ווייגט, מיין ווייבעלע וויינט, שרה'לע מאמעלע, גדולה מיינע, קרוין מיינע...

שמואל: שאט, שאט, טייערע בעל-הבית'טע, גבירה, דירה, שמירה און טרעפען זאל זי די חלירע, איך בין אייך מוחל. אריינגעכאפט — פערפאלען!

לייזער: אבער, וואס איז דארט געווען, מאמע זיסע, דערצעהל, דערצעהל, די באבעלע...

שמואל: דערצעהלט גבורה אונזערע, עשירות טייערע צדיקות פרומע!

שרה: מתנות האט מען געבראכט דעם בר-מצוה יונגעל; שרה לאה די קרעמערין האט געבראכט מישטינס געזאגט עפעס א לייב-צידעקעל, חנה פעסיל די אמת'דיגע האט געבראכט א תפלין-זעקעל מיט גאלד אויסגעשטיקט, שרה מינדעל די רענדארקע האט איהם געגעבען א זיידען טלית'ל, און אלע האט ישראל'יקל דער בר מצוה בחור געדאנקט און געקושט. בין איך אויך געגאנגען צו ישראל'יקעל, ארויסגענומען מיין ביטעלע און אבגעצעהלט דריי זילבערנע גריוויניקעס און גיב דאס ישראל'ליקעל...

שמואל: דריי גריוויניקעס, 2 גילען, דרייסיג קאפיקעס?

לייזער: נו?

שרה: נו,ג ו, פאר'ן גאנצען עולם, פאר'ן גאנצען שטעדטעל, פאר אלע ווייבער, האט ער מיך מזנה געווען. —

שמואל: מבזה געווען, מיינט איהר בעל-הבית'טע לעבען. —

לייזער: וואס האט ער געטהון, דער שגץ? גיכער, נו, מאמעלע, נעהם מיר ניט ארוס מיין נשמה. —

שרה: „שרה'לע" — האט ער געזאגט — „מיין טאטע-מאמע האט מען מיר געקוילעט, מיינע שוועסטערלעך און ברידער דער'הרג'עט, איך בין געבליבען אנ'עלענדער, ארימער יתום, אבער קיין נדבות נעהם איך ניט. נאט אייך צוריק די 30 קאפיקעס, און קויפט פאר זיי ליכט אין שול אריין". —

שמואל: זאל איך האבען אזא מזל, ווי גוט דער קליינער האט געזאגט. —

לייזער: נו, וואס האסטו געענטפערט?

שרה: וואס זאל איך ענטפערען אזא קליינעם מבוזה'ניק?! זיך שטעלען אויס'טענה'ן מיט איהם? איך האב איהם דערלאנגט א קליין פעטשעלע און בין אוועקגעגאנגען

שמואל: ס'מזל אייך איהר, ווי גוט זי האט געטהון!

שרה: איך פרעג אייך, ר' שמואל, וואס זאגט איהר?

שמואל: אז א פאטש איז שלעכט, וואס-זשע איז גוט?

שרה: אז דו ווערסט שוויינען, לייזער, ביזטו קיין מענש ניט, א לעמעשקע, א פאנטאפעל, א סטראפטשע.

לייזער: איך וועל זיי ווייזען, ווער לייזער איז. קאָווען וועל איך זיי, ווי די פערד און פאָהרען וועלען זיי, ווי לייזער וועט וועלען, ניט געוואָרנט, שרה'לע

שמואל: חאַפּען זאָל איך ביידע אַ צרה'לע.

ביידע: וואָס האָט איהר געזאָגט, ר' שמואל?

שמואל: וואָס האָב איך צו זאָגען? איך זאָג, אַז אַזעלכע צוויי מיוחס'דיגע בעל-בתים ווי איהר זענט זענען שלעכט, וואָס-זשע איז גוט, גאָטעניו?

חיענע:

חיענע: אָ! ר' לייזער, שרה'לע, סטייטש, איך זוך דאָך אייך ארום. אַלע בעל-בתים מיט די ווייבער זענען זיך משמח דאָרט אין זאַל, און איהר זענט גאָר דאָ? נו, און איהר, ר' שמואל?

שמואל: איך האָב געמיינט, אַז שמואל איז גאָר קיין מענש ניט —

חיענע: נו, קומט אריין אין זאַל, איהר זענט ביי אונז טייערע, אָנגעלעגטע געסט.

לייזער: מוחל, מוחל, וואו איז ערגעץ מיין פּאַלטאָ? מיר האָבען דאָ גאָר ניט וואָס צו טהון, ערגער ווי גוים זענט איהר אַלע, אויף יודישע שמחות וועלען מיר געהן, ניט אויף גוי'שע.

שרה: מיר שטעלען ניט קיין סאַמאָוואַרען אום שבת, מיין מאַן לייענט ניט קיין טרפה'נע ביכלעך.

לייזער: איך געה ניט צום פריץ אַלע שבת נאָכמיטאָג מקבל שבת זיין מיט יין נסך.

שרה: מיין מאַן שפּאַצירט ניט מיט גוי'שע שיקסעס אין גאָרטען...

לייזער: הא, וואָס זאָגט איהר, ר' שמואל? אַ יוד מיט גוי'שע שיקסעס?

שמואל: אַז אַ שיקסע איז שלעכט, וואָס-זשע איז גוט? אוי, גאָטעניו!

חיענע: גלויבט מיר, אַז איהר ערגערט אייך אומזיסט, מיר האָבען אייך ניט איינגעלאַדען צו אונז, מיר זאָלען זיך אויסרעכענען אונזער יחוס.

לייזער: אָבער גאָר „לא“ מיט אַ פערדישען דישעל! גלייכע מיוחסים גאָר! איך בין לייזער!

שרה: מיר זענען מיוחסים חאָטש מיר שרייבען ניט קיין ספרי תורות און פראַווען ניט קיין בר מצוה. לייזער, וואו איז מיין בורנוס?

לייזער: שמואל, וואָס שטעהסטו, וואָס? דו הערסט דאָך, אַז מיין ווייב וויל איהר בורנוס, וואָס-זשע? דו ביזט שוין אויך איינער פון די שטאָדט-מיוחסים? געה און ברענג מיין שרה'לעס בורנוס. —

שמואל: הערט־זשע, ר׳ לייזער בן בייזער: איך בין טאקע א פראסטער שמש, א קבצן בן קבצן, אנ׳אביון בן אביון, ווערים האב איך קיין עין־הרע א פולע שטוב, און היינט־מארגען דארף צוקומען נאך איינס אדער אפשר צוויי... ווער קאן וויסען, א ווייב א קאליקע איף אלע פיער, און בין איך דערלעבט א שטיקעלע שמחה, צו פערדינען עטליכע גילען, קריכען מיר ארוים די אויגען דורך דער פאטעלניצע, אבער ווי זאגט דער גוי: „פיענינדזי ניעמאם אבער האנאר מאם"... עהרליכע יודען אדער בעסער געזאגט, עהרליכע מענשען, וויל איך בעדינען, צוטראגען, אפטראגען, שיקען, ברענגען, געהן, לויפען, פליהען, קריכען, אפילו אין דר׳ערד אריין. רופט איף בריתין, וועקען צו סליחות, שאקלען א לולב, קלאפען מלקות, שלאגען הושענות, אלםדינג, אבי א גילען צו פערדינען, אבער אונטערטראגען אייער ווייב דעם מאנטעל, א יודענע, וואס לאכט פון אונזערע שענסטע בעלי בתים, וואס צושטערט א יודישע שמחה, וואס זידעלט אנ־עהרליכע בעל הבית׳טע... ווי זאגט אנ׳עהרליכער יוד צום גוי: איך וויל ניט דיין געלד, און וויל ניט דיין חזיר, געהט זייט מוחל און ברענגט אריין אייער ווייב דעם מאנטעל, און שמואל בלייבט שמואל סיי וסיי. —

שרה: אוי, לייזער! (פערווארפט דעם קאפ).

לייזער: אוי, מיין ווייב חלש׳ט! דו פושע ישראל... די, דו, איך וועל דיך...

חיענע: וועה מיר, סקאנדאלען ביי מיר אין שטוב, אהרן!

אהרן:

אהרן: וואס איז דא פאר א רעש?

לייזער: וואס איז דא פרעגט ער! איהר האט אונז אהער איינגעלאדען מביש צו זיין. מיר וועלען אייך ווייזען, אז איהר וועט אונז האבען צו געדענקען!

שרה: פע, גאר א בושה זיך שטעלען איםטענה׳ן מיט זיי.

אהרן: חיענע, וואס איז דא געשעהן?

חיענע: זאל איך אזוי מיט דיר פון צער ניט וויסען, ווי איך ווייס ניט. אזוי פלוצים פון דער העלער הויט, איך ווייס ניט, פון וואס און פון ווען, האבען זיי זיך אנגעצונדען און האלטען אין איין זידלען און שרייען.

לייזער: איהר ווייסט ניט, הא? איהר ווייסט גאר ניט ווייסט איהר ניט? איהר פיאוווקעס! איהר מאכט שמחות פאר יודען און צאפט יודיש בלוט, איהר גיט ספרי תורה׳ת און בעראבעוועט דאס גאנצע שטעדטעל. —

שרה: צווי גילען איז ווייניג! גיב זיי אַוועק די הענד מיט די פיס...

שמואל: צו וואָס טויגען אייערע הענד און ווער דאַרף אייערע פיס?

אהרן: איך האָף, אַז איהר וועט אייך גוט איבערלעגען, וועט איהר פערשטעהן, אַז ניט איך און ניט מיין ווייב האָבען געזינדיגט חלילה, געגען אייך, נור איהר האָט געזינדיגט געגען אונז — אַ גוטע נאַכט! (ביידע אָב).

שמואל: גאַטעניו, גאָטעניו, איז דאָס אַ לשון, זענען דאָס דיבורים... אַ רב, אַ צדיק, — ר' אהרן, איהר זענט ר' אהרן הכהן, אהרן הצדיק, ר' אהרן...

לייזער: (ביין). „ר' אהרן, ר' אהרן — איהר זענט — איהר זענט"... לעק איהם די האַנד, ווי אַ הונד זיין בעל הבית, קוש דעם שטעקען, וואָס שלאָגט דיך, וואַרף דיך אין דרערד אַריין און דרעה דיך ווי אַ וואָרם, וואָס מען טרעט אויף איהם אָן, איך קען אייך אַלע, אַלע! דאָס גאַנצע בינטעל כלי קודש. אָבער געדענק אהרן, איך וועל ערשט דעם חשבון מיט דיר אונטערפיהרען, איך וועל דיך זעהן ביים קירזשנער אויפ'ן פלעקעל. ניט היינט — מאָרגען, ניט מאָרגען, איז איבערמאָרגען, איז איבער אַ יאָהר, אין 10 יאָהר אַרום, איך וועל דיר אָנגרייטען אַ שמחה מיט כלי זמר, אַז דו וועסט מיך האָבען צו געדענקען... דו ווייסט וואָס איך מיין... דער גראַף...

שרה: איהר וועט אונז ביידע געדענקען. (ביידע אָב).

שמואל: דאָס ניט קיין מורא, זיי וועלען ניט לעבען אַזוי לאַנג. —

אנסאמבל.

אלע: פרעהט אייך, יודעלעך,
זינגט אייך שענע ליעדעלעך,
זייט לוסטיג און פרעהליך
מיט דער תורה, קינדערלעך!
פרעהט אייך, יודעלעך,
זינגט אייך שענע ליעדעלעך,
דער בורא האט בעוויזען פילע וואונדערלעך.

אַ גרויסע שמחה וועט זיין דאָ ביי אונז אצינד,
די מרה-שחורה פערטרייב, יודעלע!
פון בר-מצוה פון דעם ליעבען, גוטען קינד,
לאָמיר יעצט זינגען שענע ליעדעלעך

מענער: דערפֿאַר פֿרעהליך זײַן —
אַ גרויסע שמחה איז בײַ אונז הײַנט!
לויבט אונזער גאָטעניו, אונזער טאַטעניו,
צוליעב דעם טײַערען קינדעניו!

יונגלעך: יאָ, אונזער בורא, אונזער תּורה
איז בײַ אונז די בעסטע סחורה,
די גרעסטע פֿרײַדע איז בײַ אונז אַצינד,
צוליעב דעם טײַערען קינד.

(כאָהר: בּיס.)

אַלע: מזל טוב!

אהרן: אַצינד וועלען מיר הערען, וואָס האָט עפּעס צו זאָגען אונזער בעל שמחה, דער בר מצוה בחור.

שמואל: שאַ, שאַ! דער בר מצוה בחור, ר׳ ישראל. זאָגט!

אַלע: ששש...

ישראל: (אויפ׳ן טיש). רבותי, הײַנט בין איך אַלט געוואָרען 13 יאָהר, הײַנט האָט מען מיר אָנגעזאָגט די הייליגע בשורה, אַז איך בין גע־וואָרען אַ ייד. הײַנט האָט מען מיר אָנגעטהון סמנים אויף די הענד, סמנים אויף דעם קאָפּ און מען זאָגט מיר: יונגעלע, דו האָסט דיך צוגעבונדען מיט די רצועות און תפלין צו דײַן פֿאָלק ישראל. ←

אַלע: בראַוואָ — יישר כח!

ישראל: רבותי! אַ יתום בין איך איבערגעבליבען פֿאַר דער צײַט, מײַנע קינדישע אויגען האָבען צוגעזעהן, ווי מערדערישע הענד האָבען מײַן טאַטענס מוח צושפּאָלטען, מײַן מאַמעס אויגען אַרויסגעריסען, מײַן עלטערען ברודערס האַרץ דורכגעשאָסען, מײַנע צוויי קלײנינקע שוועסטערלעך פֿון האַך אויף די שטיינער אַראָבגעוואָרפֿען, און איך האָב מיך אונטער דעם בעט בעהאַלטען, זייער בלוט האָט מײַן קערפּער בעשפּריצט, דאָס בלוט וועל איך קיינמאָל ניט פֿערגעסען. — און ווען איך וועל גרויס ווערען, וועל איך אײַנמאָהנען דעם חוב וואָס מען איז מיר שולדיג.

אַלע: בראַוואָ!

ישראל: טײַערער פֿעטער און טײַערע מוהמע! איהר האָט פֿאַר מיר אײַערע הענד אויסגעשפּרייט, אײַער טהיר געעפֿענט, צו אײַער ברוסט גע־דריקט, מיט וואָס קאָן איך קליין יונגעלע אײַך אָבדאַנקען? ווי קאָנען

מײנע ליפּען אױסרײקען די דאַנקבאַרקײט, װאָס איך פיהל צו מײן יונגען הערצעלע? איך הײב נור אױף מײנע הענה צום הימעל און בעט, אז מײנע טײטע טאַטע־מאַמע, מײנע געהרג׳עטע ברידער און שװעסטער זאָלען דאָרט אין עולם האמת גאָט בעטען פאַר איך און פאַר כל ישראל, און איך װעל בין אין מײן טױט געדענקען, אז מײן טאַטע־מאַמע האָט מען געהרג׳עט... און מײן טאַטע־מאַמע לעבען.

אהרן: רבותי, אַצינד װעט אונז ישראליק משמח זײן און װעט פאַר אונז זינגען אַ יודיש ליעדעלע: „דאָס פּינטעלע יוד".

שמואל: שאַ, שאַ! ישראליק װעט פאַר אונז זינגען דאָס יודישע ליעדעלע „דאָס פּיצעלע יוד".

אלע: ניט דאָס פּיצעלע, נאָר „דאָס פּינטעלע יוד".

ישראל: (זינגט):

I.

אין יעדען לאַנד, אױף יעדען אָרט,
הערט דאָס יודעל נור אײן װאָרט:
אַ יוד ביזטו, גײה דיר,
מיר דאַרפען דיך ניט, אַ פרעמדער ביזטו, אַ גר,
דאָס יודעל װאַנדערט, װערט ניט מיד,
טראָגט אין האַרצען דאָס פּינטעלע יוד;
ער לאַכט פון די שונאים, װען גאָט איז מיט איהם;
װער קאָן איהם שלעכטס טהון, װער?
פיעל מאָל איז געבראָכען ישראליקס געמיטה,
ער בײגט זיך פאַר דעם קלענסטען װינטעלע,
דאָך דער גרעסטער שטורם אױסװאַרצלען קאָן ניט,
דאָס שעניקע, קלײניקע פּינטעלע.
דאָס פּינטעלע יוד איז זעהר גוט,
כבוד און שטאָלץ מאַכט עס דיר, יוד,—
אַפּט עס, און שעץ עס און היט.

רעפריין:

יודעלע, דײן קרױן איז דאָס פּינטעלע יוד,
פיעל געליטען שױן פאַר דעם פּינטעלע יוד,

גענמאַטערט דיינע גליעדערלעך,
געפּייניגט דיינע ברידערלעך,
געבּאָדען זיך האָט יעדער אין דיין בּלוט,
בּלבּולים אָהן אַ צאָהל אויף דעם פּינטעלע יוד,
דאָך מוטהיג אַלע מאָל בּלייבּט דאָס פּינטעלע יוד.
דער קליינינטשקער ישׂראליקעל,
לאַכט פון דיר, עמלקיל.
און בּלייבּט טריי דעם פּינטעלע יוד.

II.

יודעלע, בּעדענק זיך גוט,
דעם פאַלשען גלאַנץ פערטרוי דיך ניט,
זאָגאַר ווען עס טרעפט זיך דיר שוין אַ לאַנד,
וואָס גיט דיר גלייכע רעכט.
די האַנדעלסט מיט אַ פרייער האַנד,
דיין קלוגער מוח מאַכט רייך דאָס לאַנד,
אויך דאָרט מוזט די ליידען, ווייל די בּיזט אַ יוד.
מען דאַנקט דיר אָב זעהר שלעכט.
דאַרום פאָלג מיך, יודעלע, גענוג נוט און שאַנד,
נאָך ציון בּלאָזט יעצט דיר אַ ווינטעלע
און רוף דיינע בּרידערלעך אין דיין אייגען לאַנד,
ווייל דאָרט איז די היים פון דעם פּינטעלע.
דאָס פּינטעלע יוד, איז זעהר גוט,
כּבוד און שטאָלץ מאַכט עס דיר, יוד,
אַכט עס און שעץ עס און היט. (רעפריין.)

(אַלע אָב).

חיענע: דער הימעל פערוואָלקענט זיך, עס וועט בּאַלד זיין רעגען.

אהרן: רבּי, איהר זענט אודאי מיעד און שלעפעריג... חיענע, וואו איז דעם רבּינ'ס צימער?

חיענע: דאָרט אויבּען. — רבּי, איהר וועט אונז מוחל זיין, קיין עשירים זענען מיר ניט, קיין גבירים אפילו אויך ניט, און וואָס מיר פערמאָגען דערמיט טיילען מיר זיך.

רב: אַט טאַקע דערפאַר קאָן מען אייך רופען צדיקת. ווען אַלע מענשען וואָלען זיך טיילען, וואָלטען דאָך גאָר קיין רשעים ניט געווען.

חיענע: אַ גוטע נאַכט!

ביידע: אַ גוטע נאַכט. (חיענע אָב).

אהרן: רבי...

רב: איהר האָט מיר עפּעס געוואָלט זאָגען, רב אהרן?

אהרן: אשת חיל מצאתי.

רב: אַז וואויל איז אייך, און אַז וואויל איז אייערע קינדער, און וואויל און גליקלעך איז דער מענש, וואָס קאָן דאָס זאָגען... און ווי אַזוי לעבט איהר דאָ מיט אייערע שכנים, די גוים, אין שלום?

אהרן: שלום? אַלץ הייסט שלום, אויב אָנשפּייען אין פּנים אַריין, חוזק מאַכען, חאַפּען אַ שטיין אין קאָפּ, רייסען ביי דער באָרד, אויסשלאָגען די שויבען, קוילען יודישע קינדער, שענדען יודישע טעכטער, אויב דאָס הייסט שלום, דאַן לעבען מיר אין שלום.

רב: עד מתי, עד מתי?

אהרן. דעם עד מתי וועט מען פרעגען אַזוי לאַנג ביז איהר, רבנים, די פאָרשטעהער פון אונזער פאָלק, איהר און אַלע אַנדערע אונזערע פערטרעטער, וועלען עפענען די אויגען און איינזעהן, אַז אונזער יודישע לאַגע איז אַ פינסטערע, אַ שרעקליכע און ערקלערען אונזערע אָרימע ברידער, אַז זיי דאַרפען טראַכטען פון אַן'אייגענער היים, אַן אייגענער מקום מנוחה.

רב: איהר מיינט ציון?

אהרן. אָט-אָט, אָט דאָס מיין איך, איך אָבער קאָן נור מיינען, איהר אָבער קאָנט טון, איך בין אַ פּראָסטער מענש, אַ גאַנץ געוועהנליכער בעל הבית, מיינע ווערטער האָבען ניט קיין גרויס געוויכט.

רב: אפשר אַמאָל... אַמאָל... —

אהרן. אַמאָל גאָר! הערט רבי, איהר זענט די אויסערוועהלטע פון פאָלק, און וואָס דעם פאָלק פעהלט דאַרפט איהר פיהלען. איהר דאַרפט זיין דער דאָקטאָר, דער רופא, דער פערטרעטער, דער דאָלמעטשער פון אַלע פאָלקס-געפיהלע און האַרצבעוועגונג. אייער האָפנונג דאַרף זיין די האָפנונג פון אייער פאָלק, אייערע טרערען דאַרפען זיין די טרערען פון אייער פאָלק, איהר דאַרפט לעבען פאַר אייער פאָלק, און שטאַרבען פאַר אייער פאָלק.

רב: דאָס אונגליק אָבער ביי אונזער יודישען פאָלק איז, אַז עס ווערט הפקר, וואָס אַ טאָג, וואָס אַ יאָהר מעהר און מעהר, די דעות ווערען צוריסען; אין יעדער שטאָדט, אין יעדען שטעדטעל, זענען דאָ

עטליכע קהילות, און איינע מיט דער אנדערער זענען זיך שונאים, ביטערע שונאים, דער רב איז היינט ניט דער פערטרעטער פון פאלק, נור דער מקבל פון פאלק, מען קוקט אויף איהם, ווי אויף איינעם וואס מען האט ארויפגעווארפען צו הארעווען און לעבען פון קצבה. אזעלכע יודען, ווי איהר, פערשטעהען עס, דאס פאלק אבער פיהלט גאר ניט. און ניט איך, ניט איהר און ניט קיין אנדערע ווערען דעם פאלק העלפען, נור די צייט אדער בעסער געזאגט די נויט, א גוטע נאכט! איהר האט אנגעריהרט א ווינקעלע אין מיין הארץ, וואס טהוט וועה, זעהר וועה, א גוטע נאכט. (לאזט זיך אבגעהן און דעם צימער, וואו חיענע איז אבגעגאנגען).

אהרן: ע, רבי, איהר האט א טעות, דארט איז אייער צימער.

רב: הא?

אהרן: דארט איז אייער צימער.

רב: (פערהערט): אוי, עד מתי, עד מתי (געהט).

(די סצענע ווידערהאלט עטליכע מאל, ביז דער רב אב אין זיין צימער. ביהנע דונקעל)

גראף:

גראף: איך קום צו דיר מיט א טרויעריגער מיסיאן, און ווארן דיך, פאלס דו ווילסט, אז דיין הויז-געזינד, דיינע ברידער און שוועסטער זאלען לעבען בלייבען, זאלסט דו מיר צושווערען ביי דיין תורה, אז וואס איך וועל דיר יעצט אנפערטרויען וועסטו האלטען בסוד, ווי לאנג דו וועסט לעבען. זאגסט וועה אייך!

אהרן: ווער ווייסט, וואס פאר א סוד איהר ווילט מיר פערטרויען, און ווי קאנט איהר איבערהויפט פערלאנגען, איך זאל אייך פאראויס שווערען

גראף: שטיל יוד! אזוי פערלאנג איך און אזוי וויל איך! פערגעס ניט, דו ביזט אין מיין מאכט; איך וויל, אז דו זאלסט מיר שווערען, און פאר עדות.

אהרן: איך האף, אז דער גראף וועט מיר אנעהרליכען סוד פערטרויען און שווער ביים היילינען ספר-תורה, עס קיינמאל ניט צו דערצעהלען.

גראף: דו האסט געשווארען און דיין שבועה גילט. אלזא הער: א שען יודיש מיידעל, רעוועקא קאדאנער האט פון מיר א קינד געבוירען, איהרע עלטערען האבען זי פערשטויסען און פיער יאהר האב איך זי געדאלמיין מיט'ן קינה ביי מיר און מיין ווילע.

אהרן: ווער איז מיר, די שענע רבקה'לע, די שמעון קאָראַנערס טאָכטער? וואָס־זשע ווילט איהר פֿון מיר?

גראַף: איך האָב מיך פֿערליבט מיט גרעפֿין קאָנסטאַנטינאָווא און היינט האָבען מיר די פֿערלאָבונג געפֿייערט, פּלוצים רופֿט מען מיך אין גאָרטען, איך לויף איבער מיין כלה, מיינע געסט און געה אַרויס, וועמען טרעף איך — רעוועקאַ! „די ווערסט היינט פֿערלאָבט", זאָגט זי, „דאַן מאַך איך דיר אַ פּרעזענט צו דיין פֿערלאָבונג, נעהם דיר דיין קינד!" ווי געפֿעלט דיר די פֿרעכהייט פֿון אַ זשידאָווקאַ? נאָך מעהר! זי האָט מיר נאָך געסטראַשעט, אַריינצולויפֿען אין זאַל און ערקלערען מיין כלה און אַלע געסט, אַז זי איז די מוטער פֿון מיין קינד. זי איז מיט זשידאָווסקי צאָרן אַוועקגעלאָפֿען און מיר איבערגעלאָזט דאָס קינד. איך האָב דאָס קינד צו דיר געבראַכט. אין דרויסען אין וואָגען איז עס. אַלזאָ אהרן, די ווייסט, אַז איך בין אימער דיין פֿריינד געווען, דו האָלסט מיינע שענקען, מיינע אַרענדעס, מיינע וועלדער און פֿעלדער — נו, מיקאָן ניט זאָגען, די בעצאָהלסט מיר גוט, אָבער דו מאַכסט געלד, דו ווערסט רייך. איך פֿערלאַנג פֿון דיר, דאָס קינד זאָל בעזייטיגט ווערען, פֿערשטעהסט, אהרן, דאָס קינד מוז שטאַרבען...

אהרן: שמע ישראל ה' אלהינו ה' אחד!

גראַף: דו פֿערשטעהסט, אהרן, איך קאָן ניט אַנדערש. איז דאָס קינד פֿערשוואונדען, דאַן קאָן רעבעקאַ מיר גאָרניט טהון; לעבט אָבער דאָס קינד, אַזוי האָט זי לעבעדיגע בעווייזע און מיין גאַנצע קאַריערע איז צו גרונד. אַלע מיינע פּלענער, אַלע מיינע האָפֿנונגען ווערען ווי רויך פֿון ווינד פֿערבלאָזען, היינט מיין שאַנדע! גראַף וולאַדיסלאַוו זאַבלאָצקי האָט אַ קינד מיט אַ זשידאָווקאַ... נו, דיין אַנטוואָרט.

אהרן: מיין ענטפֿער, גראַף, מיין ענטפֿער איז... גוט, גראַף, איך בין צופֿרידען, ברענג מיר דאָס קינד.

גראַף: און היינט נאָך זאָל עס געשעהען. ברענגסטו מיר אַ צייכען פֿונ'ם קינד'ס טויט, אַזוי זענען די קאָנטראַקטען אונטערגעשריבען, און די ביזט גליקליך, אהרן, די ביזט גליקליך אין עוויג וועל איך געדענקען, אַז דער יוד אהרן האָט דעם גראַפֿען פֿון אומגליק בעפֿרייט.

אהרן: ברענגט מיר דאָס קינד, ברענגט מיר דאָס קינד.

גראַף: גיב אַכטונג, קיין מענש זאָל ניט ערוואַכען, איך ברענג דיר דאָס קינד. (אָב)

אהרן: (מאַכט אַ סצענע מיט אַ מעסער).

רב: וועלכער האט אלעס געהערט): הוא אלהים, ר' אהרן!

אהרן: ווי גאט איז אייך ליעב, רבי, זייט שטיל! מיין לעבען, דאס לעבען פון מיין ווייב און קינדער הענגט יעצט אב אין דער יעצטיגער רגע.

חיענע: (האט אויך געהערט).

חיענע: וואס ווילסטו טהון, אהרן? רבי, רבי, וואס שווייגט איהר? קוקט אין מיין אהרנ'ען, עס איז ניט ער, עס איז איין אנדערער.

רב: אהרן, האסט היינט א ספר-תורה געגעבען, אין אונזער הייליגער תורה איז מיט שווארצע אותיות אויף ווייסען פארמעט אנגעשריבען „לא תרצח“, אהרן, לא תרצח!

אהרן: זייט שטיל! ווען איהר ווילט ניט, אז א גרויס אומגליק זאל געשעהען, דאן לאזט מיך אליין, מאכט צו די טהיר, רבי!

רב: לא תרצח, לא תרצח! (אב).

חיענע: אהרן!

אהרן: לאז מיך, חיענע! לאז מיך! איך ווייס, וואס איך טהו. געה און לאז מיך אליין, גולדנ'טע, לאז מיך אליין! (חיענע אב).

גראף: (מיט'ן קינד).

גראף: שלאפט אלעס? קאן איך אריינקומען?

אהרן: איהר קאנט אריינקומען.

גראף: שטעה אויף, עפען דיינע אויגען... אויפשטעהן באסטארד! באלד, באלד וועט דיך דער מאן ברענגען אהין, וואו דו געהערסט, מאך דיך פערטיג צו א לאנגער, לאנגער רייזע. נו, אהרן, איך זעה, דו ביזט פערטיג צו דער ארבייט און איך געה. היינט, בעפאר זאנענאויפגאנג, וויל איך הערען פון דיר די פרעהליכע נאכריכט, אז די וואארע איז פערפאקט און טראנספארטירט (אב).

רב:

רב: לא תרצח, ר' אהרן, לא תרצח!

אהרן: וואס בויערט איהר מיר מיינע איערען מיט אייער „לא תרצח“? אזוי ווי ברויזענדע חוואליעס, ווי רוישענדע ווינטען, ווי דונערען און בליצען, אזוי שטורמען און רוישען מיר אין קאפ אייערע צוויי ווערטער „לא תרצח“.

חיענע:

רב: מענש, מענש! איז דיין הארץ צו שטיין געווארען, איז דיין בלוט

פערגליווערט? האָט די בלוטיגע רציחה דיין לשון אוועקגענומען? רעד, אהרן, רעד!

חיענע. מאַמע, מאַמע פון קינדער! קאָנסטו זעהען, ווי דיין ווייב געהט־אוים פאַר דיינע פיס און שוויגען, דאַן זאָלען דיך די טרעהרען פון דיין קינד ריהרען! (ברענגט דאָס קינד). טאַטע, דאָ שטעהט פאַר דיר דיין אייגען קינד, דיין אייגען בלוט און פלייש, דיין יונגסט טעכטערעל, וואָלסטו געקאָנט צוזעהען, ווי דיין קינדס בלוט ווערט פערגאָסען? אהרן, אהרן!

רב. הערט איהר ניט דאָס יאָמערען פון אייער ווייב, ריהרען אייך ניט די טרעהרען פון אייער קינד? לא תרצח! לא תרצח! אהרן!

אהרן. לא תרצח, לא תרצח, אָט דאָס איז דאָס פּינטעלע, וואָס איז איינגראַווירט אין יודישען הארצען. נאַראָנים, איך האָב דאָס גערעטעט פון א זיכערען טויט. איך שווער אצינד ביים לעבען פון מיין קינד, אז דיין אָרימע נשמה זאָל גערעטעט ווערען און ערצויגען ווערען א יוד, פונקט ווי מיינע קינדער. חיענע, די ביזט אצינד אמאמע פון צוויי קליינע קינדער.

חיענע. איך בין אייער מאַמע, קינדער, אייער ביידענס מאַמע, טייערע קינדער מיינע!

(פאָרהאַנג).

צווייטער אקט.

(אין צימער ביי לייזער).

לייזער, שרה.

לייזער: וואס האסטו זיך אוועקגעשטעלט ביים פענסטער און שטעהסט דארט דעם גאנצען ביינאכט, ווי א פערד ביי דער קארעטע און מען קאן דיך גארניט אוועקרייסען, אזוי ווי א פארקאווע פון א קליאטשע?

שרה: וואס פערשטעהסטו דא ניט, סמאלע־קאפ? איך ווארט אויף שמואל שדכן, מיר האבען איהם דאך געשיקט צו אהרן מענדעלזאהן, איז ער פערפאלען געווארען. דער רוח ווייסט איהם, וואס ער זוימט זיך אזוי לאנג. —

לייזער: ער וועט אונז מסתמא ברענגען א קלארע תשובה, וואס פערשטעהסטו נישט! מיינע שונאים זאלען אזוי לעבען, צי אהרן וועט זיך וועלען משדך זיין מיט אונז, בפרט נאך אונזער בתו־ל, געראטען אין דער מאמען!

שרה: דאס מזל אויף דער מאמען, וואס פאר א זוהן דאס איז! אויף אלע יודישע קינדער געזאגט געווארען. איך בין זיכער, אז ר׳ אהרן מענדעלזאהן וועט זיך אנכאפען אן דעם שדוך מיט ביידע הענד.

לייזער: אז ער וועט זיך חאפען מיט ביידע הענד, דאס קאן אמאל זיין, אבער צו וואס, איז די שאלה: צי אן דעם שדוך, צי אין שמואל שדכנ׳ס באָרד... (שמואל קומט). אט איז ער געקומען אויפ׳ן אמת!! — נו, ר׳ שמואל?

שמואל: נו, נו, אז א שדוך איז שלעכט, וואס זשע איז גוט? לאזט מיך אבי־רעכען, אראבשלינגען עטליכע פארציעס ל׳מס און זיך אוועקזעצען, און קודם כל, ווי זאגט מען עס, א ביסעלע צום צושלאקען, און דערנאך וועלען מיר געהן אזוי כסדרה, כסדר מיט׳ן כסדר׳ל, ביז מיר וועלען קומען צום שדוך.

לייזער: שמואל איז דאך גערעכט! א וואגען אפילו פאהרט ניט, ווען מען שמירט איהם ניט, א פערד געהט ניט, ווען מען גיט איהם ניט קיין וואסער.

שמואל: אַז אַ פֿערד און וואָגען איז שלעכט — וואָס זשע איז גוט? געראָטן, ר׳ ליזער... אַ פֿערד, אַ פֿערד... שמירט דעם וואָגען און טרינקט־אָן דאָס פֿערד, וועלען זיך דרעהען די רעדעלעך...

שרה: רבקה, רבקה! וואו איז זי דאָרט אַהינגעקומען, די נבלה?

שמואל: אַ שיינע נבלה געוועזן אַמאָל, הא? דאָס איז אַמאָל געוועזן די שיינע רבקה׳לע, דעם גראָפֿס ליובאָוניצע, היינט קאָנט זי לאָקשען און מאַכט קניידלעך... רבקה, רבקה! פֿע, אַזוי לאַנג רופֿען אַ דינסט! בנאמנות, פֿע! דערפֿאַר זאָג איך טאַקי צו מיין פלוניתטע: וואָס טויגען דיר דינסטען, ביזט ניט קראַנק אַליין צו אַרבייטען.

רבקה:

רבקה: איהר האָט מיך גערופֿען?

שרה: „איהר האָט מיך גערופֿען“ — דערלאַנג טעה!

שמואל: און אַ ביסעל בראָנפֿען אויך, עס הייסט, איך בין ניט הונגעריג, נאָר אויב עס איז דאָ אַ גוטער הערינג מיט אַ ציבעלקעלע, טעגסטו אויך אַריינברענגען, עפּעס צובייסען אויך. איך וויל חלילה ניט עסען, נאָר אַזוי אפשר אַ גוט שטיקעל פֿיש מיט חריין, אָדער אַ ראָסטעלע מיט קנאָבעל מיט אַ פֿרישען פֿידפֿאַלעק, דערפֿאַר וועל איך דיר רעדען אַ שדוך מיט אַ גראַף...

רבקה: אוי, אוי, וואָס ווילט איהר פֿון מיר? וואָס מוטשעט איהר מיך?

שרה: נו, שאַ, שאַ! אָנגעריהרט דעם ספּאָרעק! גייה, גייה, ברענג, וואָס מען הייסט דיר.

רבקה: איך גייה, איך גייה! גאָט געראָטענער, וועט די שטראָף ניט אויפֿהערען? (אָב).

ליזער: נו, וואָס האָט אייך ר׳ אהרן געזאָגט?

שמואל: דערצעהלען אייך מעשות, וואָס ער האָט געזאָגט, וואָס זי האָט געזאָגט, דאָס איז אַ יודישע טבע און איך האָב דאָס כלל וכלל פֿיינד, נאָר בקצור, וואו איז די גראַפֿיניע מיט׳ן ביסעל בראָנפֿען?

שרה: זי וועט קומען, זי וועט קומען, אַ יוח האָט עס אַ ביסעל קיין צייט ניט.

שמואל: שייך נו... ר׳ ליזער, ר׳ אהרן, אונזערע צוויי גרעסטע בעל־הבתים... וואו איז די גראַפֿיניע מיט די בראָנפֿען? איך האָב גערעדט, די גאַל פֿון זיך אַרויסגערעדט, געזאָגט, געטענה׳ט, ערקלערט מיט משלים, מיט תורה־ווערטלעך... וואָס זשע העלפֿט דאָס? אַ יוד אַ קבצן האָט

קיין מזל ניט, אַ שדוך ביי אַזעלכע צוויי בעל-הבתים, קאָן דאָך אַרוים אין אויף שבת, אין אויף יום-טוב. נו, זאָגט אָבער גאָטעניו, נייין! ביזט אַ קבצן — ווער געשוואָלען פֿאַר הונגער! האָב איך גע- פּרובט ריידען טאַקי מיט דער כלה אַליין, האָט זי אויף מיר געגעבען אַ קוק מיט איהרע צוויי גרויסע קוקערס, האָב איך מיך דערשראָקען, זי האָט גאָרניט געזאָגט, ניט אַ וואָרט אפילו, נאָר פשוט אויפגע- עפֿענט די טהיר און געוויזען מיט איהר קליין הענטעלע, עס הייסט: „ר׳ שמואל, וואַרפֿט איינך אַרויס!" — נו-נו, בין איך מיר אַרויסגע- גאַנגען... וואו איז די מיט׳ן ביסעל בראַנפֿען? אָט געהט זי.

רבקה: אָה, זי האָט מיך פשוט מחיה געווען.

שרה: טראָג אַריין דעם בראַנפֿען מיט׳ן פֿערבייסען אין דער סטאָלאָווע. דער בעל-הבית איז נאָך ניט פֿערטיג. מיר וועלען באַלד אַריינקומען.

שמואל וואָס-זשע, עס חלש׳ט דאָס האַרץ!

שרה. אַז איהר וועט אויספֿיהרען דעם שידוך, וועלען מיר טרינקען לחיים.

לייזער. דאָס הייסט, אַז איהר וועט קויפֿען אַ פֿערד, וועלען מיר איהם אָנטהון פֿאָדקאָוועס. אַז קיין פֿערד איז ניטאָ, צו וואָס טויגען די פֿאָד- קאָוועס?

שמואל. מילא, בע... לויף אַהיים שמואל און נעהם דיך צו דיין ווייב׳ס פּידפּאַלעק... וואָס האָב איך איינך געוואָלט זאָגען, אויב איהר קאָנט געדענקען, דאָס איז געווען צוריק מיט אַ יאָהר ניינצעהן אָדער צוואַנציג, ביי ר׳ אהרן מענדעלזאָהנ׳ס פלימעניקעל אויף דער שמחה פֿון בר- מצוה. איהר האָט איינך דאַן מיט מיר געשאַפּט, האָב איך איינך געזאָגט: „פּיעניענדזי ניעמאַם, אָבער האָנאָר מאַם"; איך זאָג איינך היינט דאָס אייגענע: שדוכים זאָלט איהר זיך אַליין אָפּזוכען נאָר אייער זוהן, אַ יוד, וואָס זשאַלעוועט אַ יודען אַ ביסעל בראַנפֿען מיט אַ שטיקעל צובייסען, דאַרף זיין אַ הונגעריגער כל זמן ער לעבט! (אָב, ביידע).

שרה. רבקה, רבקה!

רבקה. איהר רופֿט מיך?

שרה. וואָס טהוסטו דאָרט דעם גאַנצען פֿריהמאָרגען?

רבקה. גלויבט מיר, אַז איך שפּיעל מיך ניט.

שרה. אַזאַ בחורטע, ווי דו, וואָלט מען ניט געדאַרפֿט אַריינלאָזען אין אַ יודישע שטוב.

רבקה. איך האָב מיך ביי קיינעם ניט געבעטען און ביי איינך אויך ניט. איך נעהם ניט קיין נדבות, איך אַרבייט און פֿערדיען מיין ברויט ביי איינך, צי ביי אַנאַנדערען; מיט שווערער אַרבייט וועל איך אַלעס

מאָל פערדינען, און חשבון אָבגעבען, איבּ איך וועל דארפען, וועל איך אָבגעבען פאר איהם, ניט פאר אייך.

שרה. פע, שמעון קאָדאָנערס טאָכטער מיט אַגראף, אַהולטיי, אַיודיש מיידעל — אַממזר... האָסט דען פריהער ניט געוואוסט, אַז דאָס וועט זיין דיין סוף.

רבקה. ווען איך וואָלט אומשטאַנד זיין, פריהער דעם חשבון אונטערצופיהרען, וואָלט איך אַצינד ניט געווען באַנקראָט, ווען איך זאָל געווען הערען און פאָלגען, וואָס מען האָט מיר געזאָגט און געוואָרענט, האָב איך געהאַט בעסערע פריינד, ווי איהר זענט מיר, דאָס זענען געווען מיינע טאַטע-מאַמע. איך בין אָבער ניט די איינציגע און אויך ניט די לעצטע, וואָס ווערט פון רעכטען וועג אַראָבגעפיהרט און פערבלאָנדזשעט אין אַטיעפען אָבגרונד פון זינד, אָבער ווען ניט איך און אַנדערע ווי איך, וואָלטען עלטערען און קינדער ניט געהאַט פון וועמען אַמוסר אַראָבצונעהמען... אָבער וואָס איז דער אונטערשיעד? איך האָב מיר אַליין די קייטען אָנגעטהון און וועל זיי אַליין טראָגען.

שרה. וואָס דען, איך וועל טראָגען? און וואָס איז געוואָרען מיט דעם קינד, וואָס דו האָסט געהאַט מיט'ן גראף?

רבקה. ער האָט עס אַוועקגעפיהרט ערגעץ קיין אויסלאַנד, זאָגט ער, און אַריינגעגעבען אין אַאינסטיטוט.

שרה. אפשר האָט ער עס דערהרג'עט, דער רוצח?

רבקה. אוי, אוי, איך בעט אייך, האָט אויף מיר רחמנות און רעדט ניט מעהר דערינבער, איך קאָן דאָס ניט אַריבערטראָגען (אָב).

שרה. אַצינד קלאָגט זי, קלאָגען זאָל מען שוין נאָך איהר קאָפּ!

לייזער. (איז פריהער אָבגעגאַנגען; קומט, זוכט).

לייזער. איך זוך די פּאַפּירען, איך דאַרף געהן צום אַדוואָקאַט וועגען פראָצעס מיט'ן גראף.

שרה. ווען איז דער פּראָצעס?

לייזער. איך ווייס... מאָרגען-איבערמאָרגען.

שרה. וואָס זאָגט דיין „וואַדלאָקאַט“?

לייזער. וואָס זאָל ער זאָגען? עס ציטערט אויף איהם די הויט. ער האָט אַפנים קעגען יעקב וואַלערשטיין, ווי אַאינדיק קעגען אַוועבלוד.

שרה. אַזוי? אַזאַ גרויסער וואַדלאָקאַט איז יעקב וואַלערשטיין?

לייזער. ווער וואָלט זיך דאָס געקאָנט ריכטען אויף אַזאַ אָרים יונגעל. אהרן האָט איהם געבראַכט עפּעס פון אַן אָרימער קרובה... געדענקט דאָך

די מעשה, וויפיעל איז שוין אין דעם? אַ יאָהר 19 אָדער 20, און דאָס אָרימע יונגעל איז אַ צינה דער גרעסטער זאַקאָניק אין דער גאַנצער אימפעריע. אַמויל האָט עס, פייער און פלאַם! דוקא קבצנישע קינדער האָבען דאָס גליק: געדענקסט דאַמאָלס דעם בר-מצוה-בחור ישראליק? היינט, זאָגט מען, איז ער אין אַמעריקא אַ גאַנצער מענד-זיע! אַ מזל פון מענשען! און אונזער קדיש טאַנצט מיט שיקסעס און מיט מיידען, אַ גוישע תּכלית, אַ בריאה – ביינישעל איז דאָ און העצקעט זיך... דער מאַמעס זוהן!...

שרה. מיינע ביינער זאָל ער איבערלעבען!

לייזער. אָט קומט ער, דער קדיש דיינער!

ביניש.

ביניש. (זינגט) רוסלאַנד! רוסלאַנד, ווער איז גלייך צו דיר,
רוסלאַנד, רוסלאַנד, דו ביזט טייער מיר,
דו ביזט מיר טייער,
דיינע שיינקען, דיינע שנאַפּסען,
דאָס געפינט מען נאָר אין אונזער לאַנד,
אין דיינע שנייען, דיינע פראָסטען,
טרינקט זיך וואָדקאַ אָהן קאָנטראַבאַנד,
הוריי, הוריי, וויאָ, וויאָ, קאָמאַרינסקאַ וואַליאַי!

(פּראָזאַ). אָה מטשאָרט וואָזמי, העגנה און פּיס ציטערען.

שרה. ביינישעל, טאַטעלע, וואָס איז היינט פאַר אַ שמחה?

ביניש. אַלע טאָג אַ שמחה, צוויי מאָל אין טאָג שאַדט אויך נישט! לעב, כל-זמן דו לעבסט; מאַכסטו צו איין אייגעל, אוים מיט דער קאָמעדיע!

לייזער. וואָס זאָגסטו, שרה, צו דיין זוהנ'ס תורה?

ביניש. אוי, תורה, תורה איז די בעסטע סחורה, האָב נאָר קיין מורא, קיין מרה שחורה, באַיושקי באַיו.

לייזיר. אָט האָסטו דיר פון דער גאַנצער יודישקייט: תורה איז די בעסטע סחורה און באַיושקי באַיו.

ביניש. אָט וועל איך אייך זאָגען, וואָס פאַר אַ שמחה עס איז היינט, היינט איז אַ גולאַניע, אויף יודיש הייסט דאָס אַ שמחה, און ווייסט איהר ביי וועמען? ביי גאָספּאָדין אהרן מענדעלזאָהן, מיין צוקינפטיגער שוויגער-פּאַפּאַ, פּאָניעמאַיעטיע? איך בין דאָרט, פּאָניעמאַיעטיע, דער גאַנצער כל ולך, דער גאַנצער יאַטעבעדאַס, דאָרט וועט מען טאַנצען, און וואָס איז אַ טאַנץ, ווען מאַיע פּאָטשטיעניע איז נישטאָ אין מיטען? היינט טאַנצען מיר אַ נייעם קאַדריל און ביסען צו מיט אַ

פולקע ערשט פון דער נייעל צרות, מאמאשא, וואלאי, (תאפט זי ארום צום טאנצען).

שרה. אוי, מיין קאפ האט ער מיר פערדרעהט, דער משולחת!

לייזער. דרעה דעם קאפ, זיי'ער קדיש מיינער, דרעה דעם טאטען, ודרעה די מאמען.

שרה. אוי מיינע ביינער זאל ער נור איבערלעבען! נו, לייזער, וואר האט רעכט? איך, וואס איך זעה דעם נחת מיט די אויגען פון א מאמע, צי דו, וואס בלאזט זיך ווי א הינדיק? א טאטע! דו הערסט, לייזער, ווי האבען דאך אונזער ביינישלען איינגעלאדען, א יא, ביינישעל, ווי האבען דיך איינגעלאדען? וואס דען?

ביניש. קאניעטשנא, געלאדען:

לייזער. א שאלה נו, ווי קען זיין א שמחה אהן א משוגענעם?

ביניש. גאספאדין פאפאשא, איך וואלט אייך געוואלט בעטען, איהר זאלט א ביסעל מעהר רעספעקט האבען פאר מיר, ער האט פערגעסען, מיט וועמען ער האט צו טהון. מיר זענען געבילדעטע מענשען פון דער נייער וועלט און איהר זענט... איך וויל ניט זאגען, וואס, פון דער אלטער וועלט. איהר ווייסט נאר פערד מיט פארקאוועס און רעדער שמירען, און מיר האבען געלערנט אין גימנאזיע, וויסטו, וואס עס מיינט שאטירונגען, שטימונגען, דיסאנאסען, קאנפליקטען, טעאטרי ארקאלע, אינדיווידועלע, פאראלעלען, מיקאלאדשיע, און עטיטוד!

שרה. אוי, עס זאל זיין דער מאמען פאר זיינע עטידיודעס, האסט געהערט, לייזער?

לייזער. וואס וויל ער דארטען, קאנקרעטען, ראקעטען מיט קאנפעקטען, וואס קאנסטו פערדיענען, בחור, קאנסט דיר מאכען א פאר איינענע שיך, א פאפיראס קויפען פאר די ראקעטען מיט די פאקעטען?

ביניש. נו, דערפאר האב איך דאך א רייכען טאטען.

לייזער. נו, זיי זשע ניט קיין סוויניא און האב דרך-ארץ פאר'ן רייכען טאטען, אז ניט, פערשטעהסטו מיך, וועל איך אראבבייסען פון דיר דאס זשאקעטעל מיט'ן פידזשאקעל, מיט די געפרעסטע פאנטאלאנעס און דו וועסט בלייבען מחילה א געבילדעטער דייטש אהן הויזען.

ביניש. עטא מערזאסטי, עטא גלופא, עטא... ניט געהערט געווארען! אזוי בין איך א גארניט, דאן וועל איך אוועק קיין אמעריקא און וועל ווערען א דאקטאר, א פראפעסאר, א טשארט זנאיעט טשטא!

לייזער. נו, שא, שא, מערזאוועץ. זעה נור, ווי ער האט זיך צופעסטעט דער בן-יחיד... נא! נא דיר א צעהנערל און הוליע, יונגאטש, הוליע,

כל-זמן עס איז דא פאר וואס, אלע מיינע שונאים זאלען האבען איין זוהן און איין ווייב.

שרה נו, זעהסט, דא? א טאטע בלייבט א טאטע, נו, דאנק דעם טאטען און א קוש דער מאמען.

ביניש. נו, פאפאשא, מפאסיבא.

לייזער. שוין, מעהר האסטו ניט געלערנט, אין חדר ניט געגאנגען, שכר-למוד ניט געצאהלט?

ביניש. אה, דא, דא טאטע, זאלסט דערלעבען צו קומען גיכער לקבלת ישראל!

שרה. ביינישעל, וועה איז מיר!

ביניש. נו, יא, וואס האב איך געזאגט, איהר זאלט דערלעבען צו קומען נאך ארץ-ישראל... היינט איז דארט א מאסקען-באל און איך וועל מיך מאסקירען אלס „מעפיסטא“, איהר ווייסט, ווער „מעפיסטא“ איז געוועזען? אה, איך וויים, אז איהר פראסטע מענשען ווייסט דאס ניט: מעפיסטא, דאס איז אזא רוח, א גהינם-שמש. עס איז אמאל געוועזען א גאון האט ער געהייסען געטהע, האט ער אנגעשריבען, ניט קיין ווייבערשע תחינות, נאר „פאוסט“, אין דעם „פאוסט“ געפינט זיך א טייפעל, הייסט ער מעפיסטא, און דעם מעפיסטא וועל איך פארשטעלען אויף דעם מאסקען-באל, חא-חא-חא! פאניע-מאיעש?

שרה. דו ווייסט, ביניש, מיר האבען דאך געשיקט א שדכן צו ר' אהרן מענדעלואהן, ער זאל אויספיהרען דעם שדוך צווישען דיר און זיין טאכטער מירעלע.

לייזער. האט מען איהם ארויסגעווארפען.

ביניש. א שדכן גאר, וואס זענען מיר עפעס טשארט זנאיעט טשטא א קאלטענוואסער יוד זאל אונז ביידע צונויפפיהרען? פע! געבילדעטע מענשען מאכען דאס אהן שדכנים, פאפאשא, מאמאשא, מארישע איז שוין ביי מיר אין דער טאשע; היינט, נאך היינט וועט אונז קומען א מזל-טוב.

שרה האויל איז דער מאמען, היינט נאך! לייזער, וואס שוויגסטו?

לייזער. איך שווייג שוין גארניט. אט וועט דא וואקסען האר, וועסט נעהמען זיין טאכטער. ארויסגעווארפען דעם שדכן.

ביניש. אט ווער עס איז מיין שדכן. בלומען. די בלומען וועלען רעדען און פערבינדען און פערקניפען און פערפלעכטען מירעלען מיט ביינישלען, גרייט נור אן נדן, די אלטער באק, און דו, מאמע, גרייט-אן פים צום טאנצען אויף דיין ביינישעל'ס חתונה.

(זינגען טערצעט):

אלע. געוואלד, וואס טהוט מען יעצט.

שרה. (געוואלד), וואס טהוט מען יעצט.
ביניש. וואס ווילסטו?
לייזער. שטיל! שטיל
בּיס.

שרה.
ביניש. איך וועל ניט שווייגען, ניין!
לייזער. איך האָב דיר אויס די ציינער.

שרה, ביניש. ניין! ניין!
לייזער. שטיל! שטיל!
בּיס.

שרה, ביניש. איך וועל ניט שווייגען, ניין.

שרה. מיך וועסטו ניט שרעקען,
איך האָב דיר אין דר'ערד.
וואס מיינסטו, דו קאָוואל,
דו קאָוועסט די פערד,
האלט דיך ניט גרויס, הער אויף זאָגען דעות,
היט דיך, ר' לייזער, איך רייס באָרד און פאות.

לייזער. שטיל, דו פאָדלע, דו אלטע שמאטע,
איך בין בעל־הבית, איך בין דאָך א טאטע,
און דיר, יונגאטש, וועל איך אויסהאקען די ציינער,
דו קאָנסט דאָך דיין טאטען, איך זאָג ניין, איז ניין.

ביניש. מעגסט שרייען ניין פון היינט ביז מאָרגען,
איך בין שוין א גרויסער, איך קאָן זיך פערזאָרגען,
וואס בין איך ביי דיר א לאָשעק, א פערדעל,
איך בין שוין א בחור, עס שפּראָצט מיר שוין א בערדעל.

לייזער. היט דיך פאר מיר, ביניש, יונגאטש,
פאָדקאָוועס וועל איך שלאָגען אויף דיין פּיסקאטש,
איך האָב דאָך געשיקט א שדכן צו איהר,
און זי וויל ניט הערען, ניט וויסען פון דיר.
אוי, הער־זשע, פּאפּאשא און אויך דו, מאמאשא,
איך קאָן ניט לעבען אָהן מיין מאריאשא,
זי מוז זיין מיינע, איהר מוזט זי מיר געבען
גוואלד, גזלנים, איך נעהם מיר דאָס לעבען (שיסט זיך).

לייזער, שרה. אוי, וועה איז מיר, וועה איז מיר און וויינד,
מיר זאָל זיין פאר דיינע ביינער, מיין טייער קינד

בייניש. ראטעוועט מיך, עס איז מיר ניט גוט,
זאגט איהר מיר צו, פאפאשא, מאמאשא,
וועט איהר מיר געבען מיין טייערע מאריאשא?

לייזער, שרה. וואס דו פערלאנגסט נור, מיין טייער לעבען,
וואס דו ווילסט וועלען, וועלען מיר דיר געבען.

בייניש. טאקע יא, זאגט מיר צו.

לייזער, שרה. יא, מיין קינד, יא, יא.

בייניש. אך, פאפאשא, דאוואי לאפוכי,
טי, מאמאשא, סטארא סטרוכי.

אלע. הע! פרעהען וועלען מיר זיך אלע,
מיט דעם זוהן און מיט דער כלה,
אלע טאנצען האפ, האפ, האפ.
ווי די פערדלעך אין גאלאפ.

(בים).

דער פאפאשא; די מאמאשא,
וועלען טאנצען האפ, האפ, האפ,
אלע אינאיינעם מיט מאריאשא
ווי די פערדליך אין גאלאפ.

(בים).

הע, הע, הע! וואלאי! (טאנצען אב).

פערוואנדלונג.

(2טע בילד).

ביי אהרן: אגאנץ רייכער זאל, טיש, פלעשער, גלעזער. אהרן, חיענע, רב זיצען ביים טיש, אנסאמבעל באל.
צום באל קומען פערקלייידעט פערשיעדענע נאציאנען: טערקען, טיראלער 2 אינגארען, 1 בילגאר, רימענער, טאנצען און זינגען, און איינגאנג קומט אריין בייניש מיט שמואל'ן. בייניש אלס מעפיסטא, שמואל אין א לאנגען שלאפראק, (דעם טלית-קטן זעהט מען ארויס), טראגט א טער-קיש קאפעל אויפ'ן קאפ, אויף א קארד קומט אריין גראף זינגענד, און איינגאנג קומט אריין יעקב מיט מירעלען.

יעקב. איך הויב דעם בעכער פיר אונזער עהרווירדיגען גראף, וולאדיס-לאוו זאבלאצקי, וועלכער האט זיין וואהלטהאט בעוויזען און האט געשענקט צעהן טויזענד רובל אויף דער געביידע פון יודישען שפיטאל.

אלע. הורא!

יעקב. גראף, איהר זענט ערווירדיג אויפגעפאָדערט צו רעדען צו גינ־סטען פון דער יעצטיגער אנגעלעגענהייט.

גראף. איך האָב מיין געלד געשענקט, ווייל איך האָב ליעב יודען, יודיש געלד, יודישע פיש, יודישע שענהייטען. איך האָב ליעב דעם יודען פאַר זיין פרעהליכקייט; ער האָט קיינמאָל גאָרניט און איז פרעהליך, שטאַרבט פאַר הונגער און איז פרעהליך, מען ברעכט איהם אָן די ביינער און ער איז פרעהליך, אַ ציגיינער־לעבען, האַלט זיך מיר, און אַ פרעהליך לעבען שיינט מיר. יאָ, זאָלען לעבען די יודישע שענהייטען

אלע. האָך!

מירעל. איהר, הערר גראף, האָט ליעב יודען און ציגיינער?

יעקב. ציגיינער! מיינע פריינדע, מיר זענען ניט קיין געבוירענע ציגיינער, מיר האָבען אַמאָל געהאַט אַהיים, וואו אתרוגים האָבען געבלידט און פאַלמען־בוימער האָבען אונזערע גערטנער פערציערט, און גאָלדענע טעמפלען האָבען מיר געבעטען, אויף זיידענע טעפיכער גע־קניעט, און כהנים און לוים האָבען אונז אויף האַרפען בעגלייט; מיר האָבען העלדען פערמאָגט, מלחמות זיינגענומען, און אַ וועלט צום ציטערן געמאַכט, היינט שפּאַצירען מיר אין פרעמדע גערטנער; די לופט איז פרעמד, די ערד איז פרעמד, דאָס וואַסער פרעמד, דער הימעל פרעמד, פרעמדע זענען מיר, איינגעבעטענע שכנים, ציגיינער. אמת, מיר זענען בעטלער, מיר בעטען ערד, מיר בעטען לופט, מיר בעטען דאָס, וואָס געהערט יעדען און געהערט קיינעם... לחיים פאַר אונזער היילינעס פּאַראַדיז... דאָרט, וואו אתרוגים בליהען, זאָל אויך אונזער צוקונפט זיין זיס.

אלע. הורייָ, הורייָ, הורייָ!

גראף. אָה, איך פערשטעה, איהר יודעלעך, ווילט איך אריבערפּעקלען קיין ציון.

אַ ע. ציון, ציון, ציון!

ביניש. אָה, דאָרט וועלען מיר האָבען אייגענע גראַפען, אייגענע אַפּיצערען, אייגענע סאָלדאַטען, אייגענע געגעראַלען, און מיך וועט מען רופען ביניש בן ליזער הכּהן, גענעראַל־גובערנאַטאָר פון ציון.

מירעל. ערהויבט אייערע גלעזער, יודעלעך און טרינקט אַ הייסען „לחיים“ פאַר אונזער אַלטער היים, וואו אונזער מוטער רחל און אַלע אונזערע אבות בעטען פאַר אונז און רופען אונז: קומט אין אונזער היילינע לאַנד (זינגט).

1

ווי שמאלץ און ווי פרעהליך געלעבט האט אמאל,
ישראליק אין זיין אייגען לאנד,
ווי פרעכטיג געבליהט האט דאס ארץ ישראל,
ווי מעכטיג און הויך וואהר זיין שטאנד
דעם נאמען יוד מיט כבוד און גרויסקייט פערוויזעגט,
מיט גרויסע העלדען-קריעגער פעלקער בעזיעגט
נביאים, קלוגע גרויסע לייט,
געשמיט האבען ברייט און וויט,
ווי נעהמט מען יענע גאלדענע צייט.
ווי געטליך און ריין,
ווי גלענצענד און שען,
דאס בית-המקדש איז געווען.

(רעפריין כאהר בים).

די כהנים און לוים האבען געדיענט דארט צו גאט,
און אלע יודען האבען צופרידען אויסגעפיהרט זיין געבאט,
אויך די סנהדרין און נביאים מיט חכמה און פערשטאנד,
מיט ליכט און וואהרהייט האבען זיי בעשיינט דאס פאלק ישראל,
דארט אין אונזער הייליג לאנד.

2

ווי נעהמט מען אמאליגע צייטען אצינד,
ווי נעהמט מען יעצט אן אייגען לאנד,
דער יוד זאל ניט זיין מעהר אזוי ווי דער ווינד,
געטריבען פון המנ׳ס אללערהאנד,
וואו נעהמט מען יעצט די העלדען, בראווע קריעגס-לייט
דעם נאמען יוד צו רעטען אין דער שווערער צייט,
שענקען יודעלעך א בליק און ברענגען זיי אהיים צוריק,
נאך ציון, אין זייער לאנד מיט גליק.
ווי געטליך און ריין... א. ז. וו.

גראף מיינע דאמען און הערען, ביטע אין שפייזע-זאל! (אלע אב).

אהרן. נו, מיין ווייב, נחת דערלעבט, הא? אוי, טרעהרען שטיקען מיך, איך קאן ניט רעדען, עס איז א נחת מיט צרות צוזאמענגעמישט. אוי, ווען יעקב זאל ויסען, ווער דער גראף איז!

חיענע. גישט אַצינד, אַהרן, נישט אַצינד, געה אין גאָט וועט זיך מרחם זיין (ביידע אָב).

מירעל, גראַף.

מירעל. איהר מעגט זיין גראַף, אָדער פירשט, מיליאָנער, אָדער קעניג, — איך וועל אייך רעספּעקטירען נאָר דאַן, ווען איהר וועט אייך אויפ־פיהרען מענשליך און רעספּעקטפֿול; וועט איהר מיך אָבער ווייטער פֿערפֿאָלגען מיט אייערע ליבעסערקלערונגען, בין איך ניט פֿער־אַנטוואָרטליך, וואָס עס וועט געשעהען.

גראַף. ניי, ווער קאָן זיך צוריקהאַלטען און בעהערשען, ווען מען זעהט אויגען, ווי דיינע, וועלכע שטראַהלען, ווי די זון, אַ פייער פון אַ ווענוס־אַ בליק, פֿול מיט עלעקטריציטעט. איך בין ניט קיין הימלישעס וועזען, נאָר אַן אייגפֿאַכער מענש, און אין דיין געגענוואַרט בין איך אַ קליין שוואַך מענשעלע, וואָס קאָן זיך ניט בעהערשען.

מירעל. ווי פּאַסט עס פֿאַר אַ גראַף, אַ פירשטען־קינד, נאָכצולויפֿען אַן אָרעם ציגיינער־מיידעל, ווי איהר אַליין האָט פריהער אונז, יודישע קינדער, בעטיטולט?

גראַף. איך האָב אין מיין פֿאָרערדע געזאָגט, אַז איך האָב ליעב יודישען וויין, יודישע פֿיש און יודישע ווייבער.

מירעל. האָלאָפֿערן ימ״ש האָט אויך ליעב געהאַט אַ יודישקע, און איהר ווייסט דאָך דעם סוף, וואָס ער האָט געהאַט?

גראַף. דו מיינסט צו זאָגען, אַז מיין קאָפּ וועל איך פֿערלירען?

מירעל. איך מיין, אַז איהר האָט איהם שוין פֿערלאָרען!

גראַף. מיין קאָפּ, מיין לעבען זאָל איך פֿערלירען, נאָר דיך מוז איך גע־ווינען, מיינע מוזמה זיין.

מירעל. אָה, גראַף, דאַן קענט איהר ניט די יודישקע, וואָס שטעהט אַצינד פֿאַר אייך, יהודית האָט זיך מפקיר געוועזען פֿאַר איהר פֿאָלק און דער־פֿאַר האָט זי זיך געלאָזט בעהערשען; אסתר המלכה האָט אויך געטהון דאָס זעלבע, איהר זענט אָבער ניט קיין האָלאָפֿערן, און ניט קיין אחשורוש, איהר זענט איינער פון פיעל יודישע שונאים, וואָס נוצען אונז אויס און פֿעראַכטען אונז. איך קען גוט אייער געזינדעל און ווייס זיך ווי אויסצוהיטען. גראַף, ווען איהר ווילט בלייבען ביי אייער טיטול און ביי אייער רעספּעקט, דאַן פֿערלאָזט מיך, פֿער־לאָזט מיין פֿאָטערס הויז און וואַגט ניט צוצוטרעטען דאָרט, וואו די יודישע טאָכטער געפֿינט זיך.

גראף. איהר זאָלט פיהלען מיין מאַכט.

מירעל. און איהר זאָלט פיהלען מיין שטאָלץ, דעם שטאָלץ פון א יודישע טאָכטער.

גראף. דו פערגעסט, ווער עס שטעהט פאַר דיר?

מירעל. איך האָב אייך געקענט, אָבער פון היינט און ווייטער וויל איך אייך ניט קענען.

ביניש. (נאָך אלס מעפיסטאָ געקליידעט).

גראף. דער טייפעל האָט דעם טייפעל געבראַכט! חאַ-חאַ-חאַ! פרעהט אייך, יודעלעך, גראף וולאַדיסלאַוו זאַבלאָצקי וועט אייך אָבשפּיעלען א פרעה־ליכע חתונה! (אָב).

ביניש. דאַכט זיך, איך בין געקומען ניט אין דער ריכטיגער צייט, אָבער ווי זאָגט שילער: „קנאַק דאָס אייזען אַזוי לאַנג עס איז הייס". שענעס פריילין, מאַריאַסע מענדעלזאָהן, איך לעג צו אייערע שענינקע, קליי־נינקע, פיציגינקעלע פיסעלעך מיינע בלומען, אַלס ציינכען, אַז איך האָב אייך ליעב און ווער משוגע אויס ליעבע צו אייך.

מירעל. רבונו של עולם! וואָס האָבען זיי זיך אָנגעטשעפּעט היינט אין מיר?

ביניש. מאַמזעל מאַריאַסע...

מירעל. איהר וועט מיר ענטשולדיגען, האָכווירדיגער קאַוואַליער, מיין נאָמען איז אויף פראָסט יודיש מירעל און ניט מאַריאַסע.

ביניש. מירעל, זאָל זיין מירעל, מירעל איז אויך ניט שלעכט. זיסע מירעל, טייערע מירעל, גוטע מירעל, איהר זענט עפּעס, ווי זאָגט מען עס, ביין אויף מיר, זאָג איך אייך, אַז ווען איהר זענט ביין, זענט איהר נאָך שענער.

מירעל. וואָס ווילט איהר פון מיר?

ביניש. איך וויל חתונה האָבען, און אייך זעה איך מיין צוקינפטיגען זיווג, מיינע טאַטע-מאַמע זענען צופרידען און איך אויך. איהר דאַרפט נאָר זאָגען יאָ, — און אַ חתונה ווערט געשפּיעלט. מיין טאַטע איז רייך, פראָסטע מענשען, אמת, אָבער אָנגעשטאָפּט. איך וויל מיט אייך טהיילען מיין טאַטענס פערמעגען. אפשר שטעהט אייך נישט אָן, וואָס מיין טאַטע איז געווען אַמאָל אַ קאָוואַל? נו, וואָס-זשע? ווי זאָגט מען עס? מען נעהמט אַרויס די קוה און די שטאַהל פער־ברענט מען.

מירעל. חאַ-חאַ-חאַ! מען נעהמט ארויס די קוה און די שטאַל פערברענט מען! זעהט איהר, און איך וואָלט בעסער געוואָלט פערברענען די שטאַל מיט דער קוה אינאיינעם.

חיענע:

חיענע. וואס מיינסטו דאס?

מירעל. מאמע, אפשר ביזטו אבעלן אויף א גוטע קוה? חא-חא-חא! (אב).

חיענע. וואס פערלאנגט איהר, יונגערמאן?

ביניש. הערט-זשע, מאדאם מענדעלזאהן, איהר מעגט זאגען אייער טאכטער, אז זי איז טאקע א שענע, אבער ניט קיין געבילדעטע מאמזעל, און דאס וועט די גאנצע שטאדט וויסען. פראשטשייטיע! (אב).

אהרן.

אהרן. עס זאל געשעהען, עס מוז געשעהען!

חיענע. וועה איז מיר, אהרן, ביזט אויפגערעגט און צוטראגען, וואס פאר אנ׳אומגליק איז געשעהען?

אהרן. חיענע, היינט מוז איך יעקב׳ן אלעס ערקלערען, איך קאן ניט צוזעהען, ווי דער גראף און יעקב זיצען ביי איין טיש און דער גראף מאכט זיך לוסטיג איבער אונז אלע און וויזט גארנישט, אז יעקב איז...

חיענע. גאט איז מיט דיר, אהרן, ניט היינט, ניט אצינד, פארוואס זאלסטו די היינטיגע שמחה פערשטערען? די קינדער קומען אהער, קים, אהרן, האסט געווארט אזוי פיעל יאהרען, איז נאך א טאג אדער צוויי.

אהרן. אוי, וואס פאר א קראפט די האסט איבער מיר, ניט-ווילענדיג מוז איך דיר געהארכען און פאלגען, גאט וויסט, אז איך טהו דאס ניט מיט מיין אייגענעם ווילען (ביידע אב).

יעקב, מירעל.

יעקב. עפעס ביזטו מיר היינט ניט די אייגענע, וואס אלע מאל, איז עפעס געשעהען?

מירעל. אה, יעקב, דער גראף, ער פערפאלגט מיך, זיינע ליעבעס-ערקלערונגען בעליידיגען מיך.

יעקב. נו, וואס קאנסטו בעסער׳ס ווינשען פון אנ׳אויסגעלאסענעם קריסט-ליכען אריסטאקראט? איך בין גליקליך, וויל אלע האבען דיך ליעב און יעדען געפעלסטו, וואס קומט אבער ארויס, אז מיין גליק ווערט צושטערט פון דיינע אייגענע טאטע-מאמע, זיי ווילען מיך ניט.

מירעל. יעקב, איך פערשטעה דיך ניט, דו בעליידיגסט מיינע טייערע עלטערען, האבען זיי וועניג געטהון פאר דיר? האסטו ניט דיין גלענצענדע קאריערע זיי צו פערדאנקען?

יעקב. זיי האָבען מיך גליקליך געמאַכט, אָבער אַצינד, ווען מיין גליק איז אַמהעכסטען, ווילען זיי מיך אומגליקליך מאַכען. איך האָב געבעטען ביי דיינע עלטערען דיין האַנד געבעטען.

מירעל. נו?

יעקב. און זיי האָבען מיר ענטזאָגט.

מירעל. דאָס קאָן ניט זיין, דאָס דאַרף ניט זיין, דאָס זאָל ניט זיין! איך ווייס, ווי טייער איך בין ביי זיי, אַזוי ליעב און טייער ביזטו אויך. זיי וועלען אונזער גליק ניט שטערען, זיי וועלען אונזערע הערצער ניט צורייסען. איך האָב דיך ליעב, יעקב. און אָהן דיר וועל איך ניט, און קאָן ניט לעבען. איך וועל האַנדלען ווי איך וויל, ווי מיר געפעלט. געגען זייער ווילען, געגען דער גאַנצער וועלט וועל איך קעמפּפען, — די מוטה איז זאָלסט בלייבען מיין, מיין, אויף עוויג מיין! (אומאַרמונג).

אהרן:

אהרן. מירעלע!

מירעל. פּאַטער!

אהרן. לאָז מיך אַליין מיט יעקב'ן.

מירעל. פּאַטער, איך וויל דיר ערקלערען, אַז...

אהרן. איך וויל ניט קיינע ערקלערונגען. פריהער דאַרף איך בלייבען אַליין מיט יעקב'ן, נאָכהער וועסטו מיר אַלעס ערקלערען. טאָכטער, טהו, וואָס איך הייס דיר!

מירעל. עס ווערט נאַכט, פינסטערע נאַכט (אָב)

יעקב. איך וויל אייך זאָגען...

אהרן. דאַרפסט מיר גאָרניט זאָגען, איך בין ניט געקומען אַהער דיר פאָרווירפע צו מאַכען. איך ווייס, אַז דיין ליעבע צו מיין טאָכטער איז ריין און עהרליך. איך וואָלט מיך גליקליך געשעצט, ווען כ'וואָלט אייך געקאָנט געבען מיין ברכה און אייך ביידען פעראייניגען, און גאָט איז מיין עדות, אַז איך קאָן ניט רעדען, נאָר איך מוז. יעקב... זעץ דיך און הער מיך רוהיג און געדולדיג אויס: מיט 20 יאָהר צוריק, איז אַ געוויסען אויפדערנאַכט, איז אַ געוויסער רייכער מאַן אַריינגעקומען אַ פערצווייפעלטער און מיר דערצעהלט אַ געשיכטע, אַז אַ יודיש מיידעל האָט דורך זינדיגער ליעבע פון איהם אַ קינד געבאָרען, און דער צופאַל האָט אַזוי געפיהרט, אַז ניט דאָס יודישע מיידעל און ניט ער קאָנען דאָס יודישע קינד ביי זיך האַלטען, און ער, דער רייכער מאַן, וויל דאָס קינד זאָל אומגעבראַכט ווערען.

יעקב. ערמארדען דאס קינד?

אהרן. אזוי האט דער רייכער מאן פערלאנגט. איך האב פערשטאנען, אז ווען איך וועל דאס ניט טהון, וועט ער אליין דאס טהון. איך האב איהם צוגעזאגט און דאס קינד ביי איהם אוועקגענומען. איך האב דעם רייכען מאן בעטראגען. איך האב אנגעוויזען א פרישע קבר'ל. און ער האט מיר געגלויבט.

יעקב. און דאס קינד?

אהרן. דאס קינד ביזטו!

יעקב. און מיין פאטער ווער איז?

אהרן. א קריסט!

יעקב. בין איך א קריסט?

אהרן. דו ביזט א יוד, נאך אלע דיני־ישראל ביזטו א יוד!

יעקב. ווער זענען מיינע עלטערען? ווער איז מיין מוטער?

אהרן. דיין מוטער איז שמעון קאראגערס טאכטער, רבקה, די שענסטע פרוי געווען אין אונזער געגענד.

יעקב. מיין פאטער, ווער איז מיין פאטער.

אהרן. דיין פאטער איז גראף וולאדיסלאוו זאבלאצקי.

יעקב. גאט!

דיענער:

דיענער. גראף זאבלאצקי וויל זיך געזעגענען (אב).

יעקב. גאט גערעכטער, גיב מיר מוט, גיב מיר קראפט!

אהרן. בעהערש דיך, יעקב, בעהערש דיך. ביזט א יוד, א יוד, א יוד!

גראף:

גראף. נון זיך קעסטליך אמוזירט מיט אייערע יודעלעך, אייער טאכטער, גאספאדין אהרן, האט מיך אפילו ניט איידעל בעהאנדעלט, אבער זי איז נאך א קינד, זי וועט עלטער ווערען... נון, גוטע נאכט, אהרן, גוטע נאכט, גאספאדין יאקאב, מיין אדוואקאט!

יעקב: אייער אדוואקאט? אייער אדוואקאט? נישט מעהר, ווי אייער אד־וואקאט?

גראת. וואס מיינט איהר?

יעקב. הערט, הערט און שטוינט: יאהרען־לאנג האב איך מיין פאטער בעוויינט, זיין טויט בעדויערט, ליכט נאך זיין נשמה געברענט, און אמענדע האב איך ערפאהרען, אז ער איז איין איטוואריק וער־

מענשהייט, איך וואלט איהם איבער מיט מיינע פיס ווי א קריכענדען ווארים צוטרעטען!

אהרן. לא תרצח! לא תנ[illegible]ח!

גראף. אבער די וואלערשטיין, איך פערשטעה אייך ניט... א דיר! א דיר!

יעקב. נישט קיין דיר! גיפט, א פיטמאלעט פאר מיר, פאר איהם. ער האט איין אונשולדיג מיידעל פערפיהרט, דאס מיידעל האט זיך אויף דער וועלט געבראכט, עס האט נישט געפאסט דעם אריס־טאקראטישען קריסט א יודישע ווייב, א יודיש קינד; ערמארדען האט ער מיך געוואלט, אום זיך ריין צו וואשען פון שאנדע... פארוואס ציטערסטו? מיין פאטער ביזטו — איך בין דיין קינד!

גראף. (צו אהרן) עלענדער יוד! דו האסט מיך בעטראָגען (וויל צוגעהן).

יעקב. דו וואלסט ניט וואגען צו בעריהרען דעם הייליגסטען צווישען אלע מענשען! איין הייליגער איז ער: קניע. ניעדער פאר איהם! דו, מיין קריסטליכער פאטער האסט מיר מיין לעבען געוואלט רויבען, און ער, דער יוד, האט מיין לעבען גערעטעט! אלעס, וואס ער האט אין זיין פערמעגען האט ער מיר געגעבען, ניט קיינע קריסטליכע קליידער, ניט קיין גרעפליכעס פערמעגען, אבער איין הערץ, דאס פינטעלע יוד האט ער איינגעפלאנצט אין הערצען ביי מיר, און דאס פינטעלע יוד וועט מיך אויך אין קבר בעגלייטען. דא שטעהט ניט פאר דיר דיין קינד, זאנדערן — דיין שונא, דיין ערגסטער פיינד. מיין לעבען איז דיין, דו ביזט מיין פאטער, און דו געה! געה אין א קללה...

אנסאמבל.

אלע. וואס קומט דא פאר, וואס איז געשעהען?

יעקב. שא, שא, גארניט, גארניט: אוי, מירעלע, מירעלע, איך בין אומגליקליך, איך בין אומגליקליך!

(פארהאנג פאלט)

3-טער אקט.

(בײ לײזער. בײניש ראזירט זיך).

שרה:

שרה. (זינגט): אין בית-המקדש, אין א װינקעל-חדר, זיצט זיך די מאמע און ארבײט א זאק.

בײניש. (זינגט): או סוסידא חאטא בילא, או סוסידא זשינקא מילא, א או. מענע...

שרה. האב איך ליעב, אז דו קנאקסט מיר ארײן מיט דײנע גױשע יוצרות אין מײן יודישקײט.

בײניש. אײן גױשער צירולניק איז געװען אין דער גאנצער שטאדט, איז ער אויך אװעק קײן מאסקװא אדער אדעס און איצנד דארף מען געהן צו דער זשידאװניא. אך, בעסער אלײן זיך א שטיק באק, א שטיק נאז אפילו אבשנײדען, אײדער דאס יודעל זאל ארומגראבלען דײן פנים מיט הענד, װאס שמעקען נאך ציבעלעס מיט קנאבעל.

שרה: װאס איז דאס פאר א װערטער, בײנישיל? װעה איז דער מאמען!

בײניש. סקאנדאל, יע באגו, סקאנדאל! אין דעם הײנטיגען ציװיליזירטען יאהרהונדערט פון באהנען, טעלעגראפען, טעלעפאנען, אויטאמאבי-לען, װעליסאפעדען, פליה-מאשינען, זינג-מאשינען, דארף א געביל-דעטער יונגערמאן, װי איך, זיך אלײן ראזירען! אוי, אט האב איך מיר א פינגער אבגעשניטען... מאמע, בינד צו! טשארט האזמי, זשידאװניא.

שרה. דאס האט דיך גאט געשטראפט דערפאר, װײל דו רעדסט שלעכטס אויף יודען..

בײניש. יודען, יודען! איך האב שטארק ליעב, אז דו הויבסט-אן מיט דײנע יודען! מיר אבזאגען? מיך ניט װעלען!... אפשר דארפסטו א קוה, מאמע...

שרה: זעהסטו, װען דו פאלגסט די מאמע, װאלסטו דיך אינגאנצען ניט געגאלט. כ'לעבען, מיט א בערדעל װאלסטו אויסגעזעהען לײטישער און שענער.

בּיניש. חאַ-חאַ-חאַ! איך אַ בּאָרד, איך! אַ שען פּנים וואָלט איך געהאַט מיט אַ בּאָרד. שטעל דיך טאַנצען אַ קאַדריל מיט אַ בּאָרד, חאַ-חאַ-חאַ!

שרה. דאַרפסט דען טאַנצען מיט דער בּאָרד, נאַרעלע, דאַרפסט דאָך טאַנצען מיט אַ מאַמזעל.

בּיניש. זי וועט חרטה האָבּען. איך וויים, אַז זי וועט חרטה האָבּען; אָבּער עס וועט זיין צו שפּעט. האָסט געוואָלט אַנאַדוואָקאַטעל, האַלט זיך מיט איהם, בּיניש וועט זיין שטענדטעל בּעשטעהן. מאַמע, גלויבּ מיר, וועסט האָבּען אַ שנור פון שנורענלאַנד, נאָך מיט אַ האַלבּ טוץ אייניקלעך פאַר אַ פּרידאַטשע.

שרה: אַזאַ גרוים שטיק גאָלד זאָל איך זעהען בּיי דיר, וואָס פאַר אַ גרויסע שנור איך וועל אַם ירצה השם האָבּען. אָבּער דו זאָלסט זיין אַ ליים, — דאָס איז דער עיקר.

בּיניש. היינט איז איהר חתונה... מאַמע, מאַמע, איך האָבּ זי ליעבּ... איך האָבּ מורא, מאַמע, איך האָבּ שטאַרק מורא... איך וועל... איך...

שרה: וואָס וועסטו, בּינישיל, נאַרעלע, וואָס וועסטו?

בּיניש. איך וועל... איך וועל מיר פערלאָזען אַ בּאָרד און ווערען אַ בּעל-תוקע...

שרה. מיינע בּיינער זאָלסטו איבּערלעבּען! נאַרעלע, דער טאַטע האָט אַרויסגעשיקט אַ שדכן, ער וועט פאַר דיר אָבּזוכען אַ צאַצקע.

בּיניש. אַזאַ מציאה ווי דיין פעטער איצע...

שרה. יאָ, מיין קינד. אַ מיוחסת, אַ שמאַלץ-גריבּ...

בּיניש. אַזוי? אַ געזונדטע מויד מיט אָנגעפּרעסענע פּיסקעס, מיט רויטע בּאַקען, מיט גראָבּע פּולקעס און הענד, ווי פּאָמפּושקעס.

שרה: אוי, אַ בּרכה! (אָבּ).

בּיניש. איך בּין מוחל די בּרכה דעם פעטער ר' איצע. אַ מויד וועל איך מיר אַליין אָבּזוכען, אַ ווייבּ וועל איך מיר אַליין אויסקלייבּען. מאַמע, דו וועסט צופריעדען זיין, דער פעטער איצע וועט צופרידען זיין און איך אַדאַי און אַדאַי. וואָס פאַר אַ כלה איך וועל מיר אויסזוכען, קאָנט איהר אייך שוין אָנשטויסען: נאָך דער לעצטער מאָדע. (זינגט)

שטויסט אייך אָן.

I.

די מאָדע פון דער לעצטער צייט,
צו זאָגען בּין איך אייך דאָ אויסען,
עס גיעבּט פיעל זאָרגען היינט בּיי לייט,
וואָס מ'דאַרף זיך אַליין אויף זיי אָנשטויסען.

אַנדער, צום בּייִשפּיעל, זעהט מען טרומנעהן
שפּאַצירען מיט פיעל יונגע לייט,
און וואָס זי מיינט, דאַרף איהר זיך אָנשטויסען
און וויסען שוין וואָס דאָס בּעדייט.
וואָס זי זוכט, און וואָס איהר פעלט,
וואָלט איך אייך דאָ גאַנץ אָפען דערצעהלען.
רעפריין: נאָר שטויסט אייך אָן
זייט קלוג און שטויסט אייך אָן
אַזעלכע זאַכען איז גאַנץ לייכט צו פערשטעהן
קלערט ניט קיין סך
דאָס איז אַ קלאָרע זאַך
זייט ניט קיין יאָלדען און שטויסט אייך אָן אַליין.

II.

אַ רייכער מאַן האָט ליעב זיין פרוי
פאַר ליעבע פאַלט ער פאַר איהר כּורים
נאָר זי איז געבּעך קראַנק אַזוי
מען האַלט אין איין רופען דאָקטוירים,
אַם בּעסטען ווען דעם מאַן זיך פערגלוסט
צו רעדען מיט זיין פרוי אַ וואָרט,
איז גאָר די טיהר פערשלאָסען
דער יונגיטשקער דאָקטאָר איז דאָרט,
און וואָס זי קרענקט, און וואָס איהר פיהלט
וואָלט איך אייך דאָ גאַנץ אָפען דערצעהלט.
רעפריין: נו שטויסט אייך אָן א. ז. וו.
ס'איז אַ קלאָרע זאַך
אַ דאָקטאָר העלפט אַ סך א. ז. וו.

III.

אַ מוזיק־לעהרער קומט אַריין
צו דער רייכער פריילין אַנגאַ,
אום זי צו לערנען זעהר פיין,
צו צימבּלען אויף דער פאָרטאָפּיאַנאָ,
דער שעהנער לעהרער אַרבּייט שווערליך

אוּן צימבעלט מיט איהר אָב אַ צײַט.
נאָר פלוּצלינג נעהמט, דאָס פרײַלײן זיך קלאַגען
עס שטעלט איהר, עס ברעכט איהר אַ זײַט.
וואָס איהר שטעלט, וואָס זי ברעכט
וואָלט זיך קײנער דער'יף ניט געריכט.

רעפרײן: נו שטימט אײַך אַן א. ז. וו.
עס האָט איהר פערשאַרט
דאָס צימבלען, ליעבע לײַט! א. ז. וו.

לײזער. וואָס איז דאָ? וואָס האָט זיך דאָס פערדעל ראַזפּאַלאָשעט?

ביניש. אוי, לאָזט מיך צו־רוּה מיט'ן פעטער איציע, מיט די פערדלעך, מיט אײַערע שדוכים, טובות, פּאָליטיק! משאָרט וואָמי! איהר ליגט מיר שוין אַלע דאָ. ווען וועל איך שוין פּטור ווערען פון אײַך, זשיראָווי־ניאַ! (אָב)

לײזער. נחת דערלעבט, דער מאַמעס זוהן

ב ר י ע פ ט ר ע ג ע ר.

בריעפטר. גאָספּאָדין לײזער דאָברוסקין, פּיסמאָ! (אָב).

שרה. וואָס איז דאָס פאַר אַ בריעף?

לײזער. אַלע כּוחות האַרפּמטו וויסען? — ביניש! ביניש!

ביניש.

ביניש. דאָס וואָלט שוין אויך געמעגט אַמאָל אויפהערען, זשידאָווסקע גע־מען! ביניש!... אַבראַשאַ, ניט ביניש. פעטער איציע דער בעל־תוקע און ביניש דער בעלקורער.

לײזער. אַבראַשע, פערדינגט אויך קאַשע? ער יעדט נאָר אַרום מיט טענות צו דער גאַנצער וועלט. פּרעטענזיעס ווי די מאַמע אַקוראַט. נו, לײענען איבער, וואָס שרײַבט מען דאָ?

ביניש. אַ יוּד, אַנ'עושר און קאָן קײן פאַר ווערטער ניט איבערלײענען, און דאָס שעמט זיך ניט צו זײַן אַ טאַטע!

לײזער: שוין, נו, וואָס שרײַבט מען?

ביניש. דאָס איז אַנ'אײַנלאַדונג פון אַהרן מענדעלזאָהן צו זײַן טאָכטער אויף דער חתונה.

שרה מאַקע?

לײזיר. ווי קומט עס?

ביניש. זי איז דאָ מיט'ן „מאַקע" און ער מיט'ן „ווי קומט עס". גראָבע מענ־שען! פערשטעהען ניט, אַז בײַ די אַריסטאָקראַטען פיהרט זיך אַזוי;

מען דארף זיין איידעל און איינלאדען, און מען דארף זיין גראב און געהן.

שרה. וואס־זשע זאגסטו, לייזער, מיר וועלען געהן?

לייזער. וואס נאך? מעהר פעהלט מיר ניט, נאר חתונות. אט האב איך אנגעגרייט די פינף טויזענד קערבלעך, וואס דער גראף האט געוואונען ביי דעם מיראוואי סוד.

שרה. וואס־זשע? מען מוז טאקע בעצאהלען?

לייזער. וואס דען? ער וועט זיין זאט מיט דיר?

ביינעש. איך בין שוין זאט פון אייך ביידע (אב).

לייזער. שרה, זאלסט איהם אפפארבען די האר אויף שווארץ... וואס זעה איך, דער גראף איז צוגעפאהרען אהער צו אונז, ער ישרה אהער... איך פערשטעה דאס גאר ניט, דער גראף צו אונז!

גראף.

גראף. זדראסטוואיטע, גאספאדין לייזער! פאני לייזעראווא, ווי געהט'ס?

לייזער. זיצט, זיצט...

שרה. אזא כבוד, אזא כבוד!

גראף: איך בין צו אייך געקומען וועגען א וויכטיגער מיסיאן, און איך וועל דאס פראביערען קורץ און בינדיג. גאספאדין לייזער, איך דארף אייער הילפע, די פינף טויזענד רובל, וואס איהר דארפט מיר געבען שענק איך אייך.

לייזער. דו הערסט, שרה! ער שענקט אונז די פינף טויזענדער. נעהם, יונג זיי אריין אין דער קאמאר און ברענג אריין עפיס צו טרינקען און צובייסען... א ביסעלע בראנפען. גראף לעבען, א גוט שטיקעלע געפילטע פיש? — ברענג אריין שרה.

שרה. אזא כבוד, אזא כבוד! (אב).

גראף: ווי איך האב געהערט האט אייער זוהן געבעטען די האנד פון מענדעלזאהנ'ס טאכטער און זי האט איהם ענטזאגט, פוי, טייפעל! וועלכע שאנדע!

לייזער. איך וועל איהם אבצאהלען. גלייבט מיר, איך ווארט לאנג, אבער איך צאהל גוט.

גראף. זא! דאן וועל איך אייך געבען די געלעגענהייט... איך האב דורסט, א ביסעל שנאפס!

לייזער. שרה, וואו ביזטו פערפאלען געווארען?

שרה.

שרה. באלד, באלד... אוי, גראף לעבען, האט מען צרות פון די דיענסטען.

רבקה (מיט'ן וויין).

גראף: אך, זא, בראוואָ!

רבקה. ער!

גראף: רעוועקע, דו ביזט עס? דו לעבסט.

רבקה. איך לעב און פערדינען עהרליך מיין ברויט. דאס איינציגע, וואס מיך קימערט אצינד, איז נור דאס, וואס איך ווער עלטער און שוואכער, כחות פעהלען מיר, אוי, ווען איך זאל האבען קראפט!...

גראף: נו, וואס צום בייספיעל וואלסטו געטהון, ווען דו ביזט קרעפטיג און מעכטיג?

רבקה. איך וואלט דעם פערפיהרער, דעם מערדער פון מיין לעבען, פון מיין יוגענד, פון מיין עהרע, פון מיין קינד, מיט מיינע נעגעל די ברוסט ארויסגעריסען און מיט מיינע פיס צוטרעטען... רעד! ענט-פער! האסט מיר גאר ניט וואס צו זאגען? איידעלער גראף, דו האסט דאך אמאל געהאט אזעלכע שענע, ליעבליכע ווערטער פאר מיר, טויט איז אצינד, טויט, אלעם טויט, טויט איז די מאמע, טויט איז דאס קינד און דער טויט זאל אויך טרעפען דעם פער-פיהרער! (וויל איהם עפיס ווארפען).

לייזער רבקה!

שרה: ביי אונז אין שטוב!

רבקה: גאט גערעכטער, שטראף מיך נאך מעהר, נאך מעהר, נור שווייג ניט דעם רוצח פון מיינע טאטע-מאמע, דעם מערדער פון מיין קינד, דעם שענדער פון א יודישער טאכטער.

גראף: האסט געדארפט וויסען און פערשטעהן, אז א מאן אין מיין ראנג, מיט מיין טיטול קאן ניט און וועט ניט פערבינדען זיך אויף אייביג מיט א זשידאָווקא.

רבקה: זשידאָווקא! זשידאָווקא! די זשידאָווקא איז דיין ווייב געווען, די זשידאָווקא האט דיר א קינד געבוירען, די זשידאָווקא האסטו פער-געמערט, פערדיילינגט, גליק, רייכטום, עהרע צו די פיס געלעגט, און אצינד איז די שענע, רייצענדע הימלישע געטין נישט מעהר, ווי א זשידאָווקא און די זשידאָווקא פאָדערט אצינד איהר רעכט, דאס רעכט אלס ווייב און מוטער, מיין קינד וויל איך, מיין קינד אָדער מיר ביידע געזעגענען זיך אצינד מיט דעם ליכטיגען שיין פון אונזער מיזעראבלען לעבען. מיין קינד גיב מיר, מיין קינד!

גראף: דאס קינד האב איך אוועקגעגעבען אין איין אויסלענדישען וואי-זענהויז.

רבקה: דעם נאָמען פונם וואַיזענהויז וויל איך וויסען!

גראַף. ער איז פון וואַיזענהויז פערשוואונדען און קיינער פון די אויפ־זעהער ווייסען ניט וואוהין. איך האָב געהערט, אַז ער איז טויט.

רבקה: בּיזט אַ ליגנער! איין מיזעראַבּלער ליגנער! מיין קינה לעבּט!

גראַף: עס לעבּט? פון וואַנען ווייסט?

רבקה. מיין מוטער־האַרץ זאָגט מיר, אַז מיין קינד לעבּט. זעה מיין בלייך פּנים, האָב רחמנות אויף די טרעהרען, וואָס צוגיסען זיך, ווי איין בּיטערער געטראַנק איבּער אַלע מיינע גליעדער, איבּער אַלע ווינקעלעך פון מיין האַרצען און פון יעדער טרעהר, וואָס פאַלט אויף דער ערד וואַקסט אויס אַ שוואַרצע בלום, דאָס זענען די בלומען פון מיין פינסטערען קבר... רוצח, מיין רינה, מיין קינד!

גראַף. די אויסגעלאַסענע!

רבקה. חאַ, חאַ, טאַטע, מאַמע, שטעהט אויף פון אייערע קברים און נעהמט נקמה פון אייער טאָכטער... אויסגעלאַסענע... יאָ, דאָס בין איך, דאָס איז דער סוף פון אַלע יודישע טעכטער, וואָס לאָזען זיך פער־בלענדען, ווי איך בין פערבלענדעט געוואָרען. אויסגעלאַסענע! חאַ־חאַ! ווי איין אויסגעלאַסענע וועט אויך מיין און דיין סוף זיין! (אָב)

גראַף. נו, דאָס געהיימניס מוז ענדליך אויפגעדעקט ווערען. דאָס קינד, וואָס זי האָט פון מיר געבּוירען, לעבּט און ער איז אייך גוט בּעקאַנט.

בּיידע: ווער איז ער?

גראַף. דאָס איז דער יודישער אַדוואָקאַט יאַקאָב וואַלערשטיין. יאָ, דער יוד איז מיין זוהן.

לייזער: יעקב וואַלערשטיין איז אייער זוהן? פאָ זאַקאָנו איז ער דאָך אַ קריסט! און איהר, גראַף לעבען, וועט איהם שווייגען? ער האָט גענומען אַ קריסטליך קינה פון אַ גראַף און האָט איהם געמאַכט פאַר אַ זשידאָניאַק. פע! סיביר...

גראַף: אַט דאָס אייגענטליך איז געווען מיין קומען צו אייך. איך וויל אהרנ'ען איינקלאָגען און נאָך היינט איהם לאָזען אַרעסטירען פאַר דעם פערבּרעכען, וואָס ער איז געגען מיר און מיין קינד בּעגאַנגען, פון אייך פערלאַנג איך, אַז איהר זאָלט עדות זיין, אַז איך האָב איהם דאָס קינד אָוועקגעגעבען צו ערציהען אַלס עהרליכען קריסט.

לייזער איך האָב עס מיט מיינע אייגענע אויגען געזעהען...

גראַף: מיין אַדוואָקאַט וועט אייך שוין אַלעס ערקלערען און דערפאַר שענק איך אייך די פינף טויזענד רובּל, און גיב אייך איבּער און אַרענדע געלדער און גיטער אויף 12 יאָהר... דאָ האָט איהר די קוויטונג

פון די 5000 רובל, אלעס פיקס-און-פערטיג, פון נאטאריוס אונטער-געשריבען. מארגען גיב איך אייך די איבעריגע קאנטראקטען. היינט איז די האכצייט ביי אהרנ׳ס טאכטער מיט מיין זוהן, יאקאב. הארא׳שא׳ס? איך פערלאנג, איהר זאלט זיין אויף דער האכצייט. עס איז נייטיג צו אונזער פלאן.

לייזער: אט האט ער אונז טאקע שוין געשיקט אנ׳איינלאדונג.

גראף. בראווא! ווי געוואונשען! אלזא אדיע, מיר זעהען זיך אויף דער האכצייט, אדיע. (אב).

פערוואנדלונג (ביי אהרן):

שמואל, חיענע:

חיענע: א, ר׳ שמואל, איהר זענט אודאי געקומען צו דער חופה, נו, געהט-זשע געזונדערהייט אריין צו די מאנסבילען. זוכט איהר עפעס זאגען, נו, מאכט עס גיכער, ווייל איך האב זעהר פיעל צו טהון און מיר האבען וועניג העלפערס.

שמואל: אוי, געזונד זאל און אייך אריין, חיענע לעבען. אט טאקע וועגען דעם בין איך אזוי פערסאפעט און פערטראפעט צו אייך געקומען. לייזער דער קאוואל האט ארויסגעווארפען זיין דיענסט, א טייער ווייבעל, אנ׳עהרליכע, געדיענט אין די גרעסטע הייזער, האב איך זי בע-געגענט, פרעגט זי מיך: אפשר ווייס איך עפים א שטעלע, איז מיר באלד אריינגעפאלען אין קאפ חיענע לעבען, און אזא צייט, און אזא טאג, ביי א טאכטער אויף א חתונה, קאן אנ׳ארים ווייבעל פערדיענען עטליכע גילען, און ווי געשיקט זיך, חיענע לעבען וועט אודאי שמואל׳ן אויך אין זינען האבען... וואס-זשע זאגט איהר? זאל איך זי אריינפיהרען? זי שטעהט אין דרויסען. זאגט יא — אנ׳ארימע נעבעך.

חיענע: נו, נו, רופט זי אריין.

שמואל: א גדולה און אייערע ביינער אריין... הע, צו הארכסטו, ווייבעל... קומט אריין, שעמט אייך ניט... חיענע לעבען, איך זאג אייך, א בריה, א גאלד, א צאצקע, אנ׳עהרליכע (רבקה בעוויזט זיך אין טהיר). נו, וואס שטעהסטו ביי דער טהיר, ווי א בהמה? קום אריין, דאס איז חיענע לעבען, אונזער גבירה, אונזער צדקה-געבערין, אונזער פושקע — און דאס איז — ווי אזוי הייסטו?

רבקה. רבקה.

שמואל: יא, יא, צירעלע.

רבקה. ניין, צירעלע הייסט יענע, איך הייס רבקה.

שמואל: יאָ, יאָ, רבקה, עס איז מיר אַרויס פון זינען.
חיענע: נו, ווי דו ביזט יעצט אָנגעטהון קאָנסטו מיינע געסט ניט בעדינען.
רבקה. קיין אַנדערע קליידער האָב איך ניט, מאַדאַם.
חיענע: קום מיט מיר, רבקה, דו וועסט דיר אָנטהון אַנדערע קליידער און וועסט בעדינען די געסט.
רבקה. דאַנקע, דאַנקע... ר׳ שמואל... איך וועל אייך די טובה קיינמאָל ניט פערגעסען. (אָב מיט חיענע).
שמואל: וואָס מיר דאַנקע און ווער מיר דאַנקע! אָט האָסטו דיר אַ דייטשמערי־שען דאַנק צו די צרות. בעסער אַ כשר׳ן גראָשען, איידער אַ דייטשען דאַנק, אוי, שמואל, שמואל, וועסט היינט אָנשטאָפּען דיינע קישקעס מיט גוטע מאכלים און אַ פּאָר גילען וועט אויך אַרויס, און אַלץ דערפאַר, ווייל איך בין אַ יוד. אוי, ווי וואויל און גוט עס איז צו זיין אַ יוד. (זינגט).

אַ תענוג צו זיין אַ יוד.

I.

יוד — צו זיין איז טהייער, אַ יוד צו זיין איז גוט,
שרייען וועל איך ביז אין טויט אריין,
אַ וואך — נאך מיין געבוירען שוין געוואָרען אַ יוד,
געפיהלט דעם טעם, וואָס הייסט אַ יוד צו זיין
אוי עס איז, אַ וואוילע זאך, און עס קאָסט ניט קיין סך,
און דער שכר איז, גרויס דער פאַר
אויס עס איז גוט, וואויל און פיין
עהרליך גוט און פרום צו זיין
גלויבט מיר איך בין ניט קיין נאַר.

רעפריין: אוי, אוי ס׳איז מיר וואויל ... אוי ... ס׳איז מיר גוט,
עס איז אַ מחיה צו זיין נאר אַ יוד
איך דאַנק דיר גאָט, וואָס איך בין אַ יוד.
דערפאַר נאר איז מיר תמיד גוט,
דאָ אַ האַפּ, דאָרט אַ לאַפּ.
אַ מחותן אומעטום, כ׳לעבען ס׳איז דאך טאקי גוט.
פרעהליך בין איך און אַ צאָהל,
שרייען שריי איך אַלע מאָהל
גאָטעניו, טאַטעניו כ׳האָב צו דיר קיין טענות ניט
איך דאַנק דיר ווייל איך בין אַ יוד.

II

א מזוג זווגים איז דאך טאקי גוט,
חתונה האבען איז דער בעסטער פלאן
א יודישע בתולה פערזיצען לאזט מען ניט,
צו 18 יאהר קריגט זי שוין א מאן
א חתן – א טאקעלע, א בחור א חניאקעלע
א חופה שטעלט מען מן הסתם
מען זיצט א פאר יאהר אויף קעסט,
מען שלאפט, און מ׳פרעסט
א יוד נאר, פיהלען קען דעם טעם.
רעפריין: אוי... ס׳איז מיר וואויל א. ז. וו.

III.

געקומען איז די צייט, ווי אלע יונגע לייט
לעזען אין די צייטונגען דעם טעקס
א טהייערע רפואה, א ריכטיגע ישועה
א מיטעל 606.
זייט פיעלע דורות יאהרען לאנג
מענשען זענען געוועזען קראנק
פון טראכטען איז מען געווארען מיעד,
און מיט א מאהל אהן אויפהערליך
אויפגעשטאנען א יודעל „עהרליך"
לעבען זאל טאקי נאר דער יוד.
רעפריין: אוי... ס׳איז מיר וואויל א. ז. וו.

IV.

וואס מעהר א וואך ווערט שטארקער דער קאך
געפאלען איז מען אויף א נייעם פלאן,
מען צעברעכט זיך פיס און הענד
אין א סכנה – א מאמענט
צו פליהען מיט אנ׳אעראפלאן
וואס א דייטש קען אויסקלערען,
מענשען זאלען גע׳הרג׳עט ווערען

גלויבען וועלט זיך מיר דאָס ניט,
נאָר מן הסתם וועט מען זיך מיהען
אָהן סכנות זאָל מען פליהען
דאריבער טראַכטען וועט דער ייד.
רעפריין: אוי... ס' איז מיר וואויל א. ז. וו.

אהרן, יעקב.

אהרן: מיין טייער קינד, ניט אַצינד איז די צייט פון דענקען און זאָרגען
יעקב. פינקעל, וואו איך געה, און וואָס איך טהו, און וואו איך בעוועג מיך, זעה איך דאָס בלאַסע איינגעמאַטערטע געזיכט פון מיין אונגליק־ליכער מוטער. איהרע פערפאַרגענע טרעהרען פאַלען, ווי ברענענדע קוילען אויף דעם הארצען ביי מיר. איך זעה איהרע טויטע ליפען זיך בעוועגען און איך הער, ווי זי רופט צו מיר פון איהר קבר: קינד מיינס, מיין בלוט האָב איך דיר געגעבען, מיין ברוסט האָסטו געזויגען, מיינע כחות האָסטו גערויבט, נעהם־זשע ראַכע, נקמה. און איך וועל נאָר דאַמאָלס קאָנען רוהיג אונטער דער חופה שטעהן, ווען איך וועל מיך נוקם זיין אָן דעם, וואָס האָט מיך געוואָלט אומברענגען, און אפשר מיין מוטער ערמאָרדעט.

היענע, מירעל:

אהרן היענע. האָב רחמנות, קינד מיינס, האָב רחמנות אויף מירעלען.
מירעל. טאַטעניו, מאַמעניו, יאַקאָב, וואָס פאַר אַן אונגליק דראָהט אונזער הויז.
אהרן: קינדערלע טייערע, בעט די ביי איהם, זאָל אונזער טאָג פון שמחה ניט אין טרויער פערוואַנדעלט ווערען.
יעקב: אָה וועה, אָה וועה!
מירעל. יעקב, דו, דער געליעבטער, די צירדע פון אונזערע אַריסטאָקראַטען, די איידעלקייט און אינטעליגענץ אַליין, דו ווילסט אונזערע עלטערען זייער פריידע צושטערען, היינט, דעם טאָג פון אונזער חופּה?
יעקב. ראַכע נעהמען אָן דעם רויבער און פערפיהרער. ראַכע, דאָס איז די איינציגע אויפגאַבע אין מיין לעבען.
מירעל. ווען דאָס זאָל און מוז געשעהען, קאָן עס דאָך געשעהען מאָרגען... שפּעטער...
יעקב. אַלע אייערע צוריקהאַלטונגען זענען אומזיסט, מיין פּלאַן איז א פעסטיגער און איך מוז איהם דורכזעצען מיט מיין לעבען אפילו.
מירעל. אויך ניט דאַן, ווען איך וועל דיך בעטען?
יעקב. אויך ניט דאַן, ווען די גאַנצע וועלט זאָל מיך צווינגען...

מירעל. מאמעניו, מאמעניו, איך האב א טעות געהאט. ער איז ניט דער גוטער, יאקאב. ער איז עהרגייציג, ראכעזיכטיג. ער ליעבט מיך ניט, ער שעצט מיך ניט, אונזער לעבען וועט זיין אומרינגט פון אונגליק, שרעק און קוואל. גוט וואס איך האב דיך היינט ערקענט, מארגען וואלט שוין געווען צו שפעט.

יעקב. נאט מיין גאט, פיהלט איהר דען ניט, ווי יעדער טראפען בלוט אין מיינע אדערן קאכט, זידט, ברענט און וועט זיך קיינמאל ניט אויסלעשען?

מירעל ווייל דו ביזט געבוירען אקריסט. ווען אין דיינע אדערן וואלט געפלאסען יודיש בלוט, וואלסטו דיך געוועהנט צו ליידען און צו דולדען. אונזער יודישע תורה לערנט אונז: אונזערע ביטערסטע פיינד מוחל צו זיין. א יוד, אפילו אמת ער יוד ביינט אין זיין קאפ אונטער דער גרויזאמער האנד פון זיין שונא, וואס שלאגט איהם און ער זוכט ניט קיין נקמה, אין דיר קאכט דאס ווילדע בלוט פון דיין פאטער דעם אריסטאקראט, דארום שטעהט ביי דיר דאס שרעקליכע ווארט נקמה העכער פון אלעס, העכער אפילו פון דיין צוקינפטיגער פרוי, וועלכע שטעהט פארטיג אין חתונה קלייד די ברכה צו עמפפאנגען. היינט איז נאך צייט, מיין טייערע טאטע-מאמע, מארגען וואלט געווען שפעט (אב).

יעקב. איהר האט געהערט? אויך דיעזע בעליידיגונג פון מיין טייערער כלה, האב איך אויך איהם צו פערדאנקען, מיין געליעבטע כלה ווארפט מיר די שאנדע פון מיין געבורט, ווי שמוץ אין פנים אריין. ווער איז שולדיג אין דעם אלעם? ער, ער, ער! (ברענגט אריין מירעלען) דו האסט מיר אצינד דערלאנגט מיט א שווערען האמער איבערן קאפ און מיך אינגאנצען דערהרג'עט! וואס האסטו געטהון, געליעבטע, וואס האסטו געטהון, קעניגין פון מיין נשמה?

מירעל. אה, יעקב, פערצייהע מיר. איך האב דאס ניט געזאגט, ווייל איך האב דיר געוואלט וועה טהון, איך האב געדענקט, אז איך האב ארעלט, ביי דיר צו פארערען געהארכזאמקייט אין דעם טאג פון אונזערע עוויגער פערבינדונג... יעקב, יעקב! (וויינט).

יעקב. וויין ניט, טייערע, דיינע טרעהרען האבען אלעם אבגעוואשען, א יוד בין איך, מירעלע, און דאס פינטעלע יוד ביי מיר אין הארצען וועט עוויג בלייבען און עוויג ליידען פאר דיר און פאר מיין ארים פאלק. געה, מירעלע, מיט טאטע-מאמע, און איך וועל מיך געהן פארבריטען צו מיין חופה.

חיענע: קום, טאָכטער מיינע, פאַר די יסורים וועט איהר אם ירצה השם פּועלן נחת האָבען!

אהרן: דערפאַר זאָל דער חתן אַקוש טהון דער כלה.

יעקב. אַזאַ קליינינקייט קאָנט איהר אויספיהרען הונדערט מאָל אַ טאָג. (אַ קוש, אַלע אָב).

רבקה.

רבקה. וואָס זאָל איך טהון מיט די בלומען? (יעקב קומט אריין). אָה, איהר זענט עס אוודאי דער חתן?

יעקב. נו, וואָס האָט איהר זיך איבערגעשראָקען? אַ חתן איז דאָך ניט קיין מלאך־המות.

רבקה. מזל־טוב!

יעקב. איך דאַנק אייך... זייט אַזוי גוט, מאַדאַם און גיעט איבער די פּאַפּירען מיינע מענשען אין קאַנטאָר (ביידע אָב).

שמואל.

שמואל: רבותי, מעקומט, מעגעדט מחותנים, קרובים און אַלע בעל־הבתים פון שטאָדט, אַחוץ ווייבער, מיידלעך, בחורים, בתולות, אַלטע און יונגע, גראָבע און דינע, הויכע און דאַרע, אַזוי ווי אַ תמאַרע, כי לעולם חסדו, ונאמר אמן!

אנסאמבל.

(חופּה־צערעמאָניע. נאָך ברכה).

לייזער: רבותי, איך בין אַנערדליכער יוד, ווי איהר אַלע קענט מיך און ווייסט. ביי מיר איז שבת — שבת, יום־טוב — יום־טוב, תעניתים — תעניתים. איך בין ניט פון די, וואָס נאַרען אָב גאָט און מענשען, און איך וויל איהר זאָלט וויסען דעם שרעקליכען סוד, וואָס ווערט אַצינד פערשטעלט מיט פייער שטאַנגען פון אונזער יודישער חופּה, דער חתן, יעקב וואָלערשטיין איז אַ קריסט.

אלע: אַ קריסט?

לייזער: נאָך וואָס פאַר אַ קריסט. דעם גראף זאַבלאָצקי׳ס זוהן!

רבקה: אָה! (חלשט).

אלע. וואָס גערעט דאָ פאַר? אַ פרוי חלשט! וואַסער!

לייזער: און ווייסט איהר, ווער די פרוי איז, וואָס האָט אַצינד געחלשט? דאָס איז די מאַמע פון דעם חתן. אָט האָט איהר אייך אייער דבשה

געשאַנק. ר' אהרן... תכשיט, חתן, דאָס איז דיין מאַמע, רבקה, וואָס דיך אַרום מיט דיין ממזר!

רבקה. מאַמעס, מאַמעס! מאַמעס פון קינדער, האָט נאָך עמיצען געטראָפען אַזאַ אומגליק, ווי מיך? זיי ניט בייז אויף מיר, מיין קינד, איך בין ניט שולדיג. איך האָב דאָס ניט געוואָלט, און איך וויל דיר ניט פאַלען צו לאַסט. אמת, איך האָב דיך יאָהרען-לאַנג געזוכט, מיינע אויגען מיך אויסגעוויינט, אָבער אַצינד, אַז איך זעה דיך, וויל איך דאָ שטאַרבען. שטערט אייך ניט, איהר קאָנט שטעלען די חופה, איך וועל פון וויטען שטעהן, איך בין נאָר אַן אָרימע מאַמע, לעבט אייך גליקליך....

יעקב. מאַמעניו, מאַמעניו, טייערע זיסע היילינגע מאַמעניו! קינדער, קינדער! ווער עס האָט אַ מאַמע, דער זאָל איהר אַכטען, שעצען און ליעבען, דען וועה איז צו די קינדער, וואָס זענען ערצויגען געוואָרען און ניט געפיהלט קיין מוטער-ליעבע. מיין מוטער ביזט, און מיינע זאָלסט עווינ בלייבען. פיהר היינע קינדער צו דער חופה און גיב אונז דיין מוטערליכע ברכה...

(און ענדיגט די ברכות. גראָף ערשיינט, רבקה וואַרפט איהם צו דער ערד).

פאָרהאַנג.

4-טער אַקט

(ביי לייזער).

שרה, לייזער.

שרה: אַט בין איך דאָ, לייזער, טאַטע, נו, ווי געפעלט איך דיר מיין פּע־קעל טהיי? האָט האָבען מיר אונזער ביינישלען צו פערדאַנקען, דאָס האָט ער מיך אַזוי געמאַכט, אַזוי זאָגט ער, מאַמע, דו זאָלסט זיך פער־קעמען די האָר, אַזוי זאָלסטו פערדרעהען די צעפ, דאָ זאָלסטו אויס־בעטען, דאָ זאָלסטו אַנשטאָפּען, דאָ רויט און דאָ ווייס, אונטער די אויגען אַ ביסעלע שוואַרצע סאַזשע, אַזוי טהוען אַלע פּיסטאָקראַטישע דאַמען און אַזוי האָב איך געטהון, און אַט בין איך אַ מאַדאַם. איך געפעל דיר, לייזער?

לייזער: אַט דאָ האָסטו אַ ביסעל צופיעל אָנגעקאַלעכט

שרה: נו, וויש אַב, ביזט קראַנק?

שמואל.

שמואל: אַ שענעם, און אַ פיינעם און אַ גוטען און אַ גלאַטען גוט־מאָרגען אייך. איהר זעהט האַך אויס ווי אַ גענעראַל־גובערנאַטאָר מיט די ווייסע הויזען

שרה: וואָס דען וואָלט איהר געוואָלט, אַ גענעראַל אָהן הויזען? פּראָסטע מענ־שען, ווייסען גאָרניט פון פּיסטאָקראַטיע, ווי אַזוי זעה איך אויס, ר׳ שמואל?

שמואל: בנאמנות, איהר זעהט אויס ווי אסתר המלכה אום שושן־פורים...

לייזער: מיין שרה׳קע די קאָוואַלקע איז אַ׳אסתר המלכה? קום אַהער, שמואל, דערפאַר קריגסטו פון לייזער׳ן אַ קערבעל אויף שבת.

שרה: און פון מיר אַ פערטעלע אויף קידוש.

שמואל: אַזוי גרינג איז מיר נאָך קיינמאָל ניט אָנגעקומען אויף שבת. דער רבונו של עולם זאָל אייך געבען און איהר זאָלט נעהמען, איהר זאָלט זיין און איהר זאָלט ווערען אַלע טאָג רייכער, אַלע טאָג גרעסער,

אַלע טאָג גרעבער, אַלע חודש לענגער, עס זאָל זיך ביי אייך מעהרען אין גוטער יודישקייט, מאַמע, פאָטער אין הימעל, קדוש, קדיש; אמן.

לייזער: איך וועל דיר שוין געבען שפּעטער... זאָג נאָר אַזוי איך אַ צעקאַוואָסט, שמואל, ווער איז דער גרעסטער גביר אין שטאָדט?

שמואל: ר׳ לייזער!

לייזער: און ווער האָט אַ דעה אין שוהל? — ר׳ לייזער! ווער זיצט אין מזרח־וואַנד? — ר׳ לייזער! ווער קלאַפּט אין שטענדער און שרייט אַלע פרייטאָג־צו־נאַכטס: היינט זאָגט מען יעלה ויבא? — ר׳ לייזער! גאַ־זשע דיר נאָך אַ האַלבען רובעל, און ווייס, און זאָל די גאַנצע וועלט וויסען...

שמואל: אַז איהר זענט אַ בעל־צדקה, אַ בעל־שמחה, אַ בעל־שמירה, אַ בעל־חליצה, אַ בעל־מציצה.

שרה: און ווער מאַכט חתונה אָרימע מיידען?

שמואל: ר׳ לייזער!

לייזער: איך מאַך גאָר חתונה אָרימע מיידען? מיין ווייב!

שרה: און ווער איז דעם גראָפס רעכטע האַנד?

שמואל: ר׳ לייזער!

שרה: און ווער זיצט איינגעשפּאַרט אין תפיסה?

שמואל: ר׳ לייזער... איך מיין, ר׳ אהרן נעבעך...

לייזער: נעבעך גאָר? גיעב מיר אָב דאָס געלד.

שמואל: עס איז דאָך אָבער אַ רחמנות, איהר זענט דאָך אַ יוד, מיר זענען דאָך אַלע יודען... סטייטש, ר׳ לייזער, דאָס פּינטעלע יוד.

לייזער: אָט דאָ, אין דער סערצע ביי מיר, ליגט דאָס פּינטעלע יוד. היינט ווערט לייזער דער בעל־הבית איבער דעם גאַנצען שטעדטעל, היינט נעהמט לייזער איבער פון גראַף אַלע וועלדער, אַלע שענקען, אַלע פעלדער. היינט, אַזוי ווי דער פּראָצעס ענדיגט זיך, אַזוי איז לייזער דער בעל־הבית פון שטאָדט, גבאי אין שוהל, שמחת־תורה וועט מען מיך, לייזער׳ן מיט מיין ווייב שרה׳קע, פיהרען מיט הקפות איבער דער גאַנצער שטאָדט אין דער גרויסער שוהל אַריין. קום, שרה׳קע, גיעב אַ פּיסק דעם נייעם גבאי, דעם גרויסען גביר, דעם גרויסען מיוחס.

שרה: ביז 120 יאָהר, פאָטער זיסער! (קושען זיך).

ביניש.

ביניש: וואס האט מען זיך ראספאלאושעט ביי מיר אין שטוב. פראסטע מענ... שען וואס איהר זענט! אט איז געקומען אנאמעריקאנישער צירק... איך האב מיך בעקענט מיט צוויי רייטערקעס, ר' שמואל — צא... קעס, טאטע — פופקעס, מאמע — סחורה, מען קאן צוטראסקעט ווערען!

שמואל: אזוי, צוויי... וועסט זיי ברענגען אין שוהל אריין, וועל איך זיי מכבד זיין מיט הגבה און גלילה.

ביניש: די רייטערקעס וועט ער מכבד זיין מיט אנעליה! גערה, שמואל, דו פערשטעהסט ניט, ביזט א סוניא... קומט אריין, אמעריקאנישע פפ... קעלעך, פיפיטא, ביניטא.

פיפיטא, ביניטא.

בידע: העללא! העללא!

שרה: אוי, א בראך צו מיר!

שמואל: נאר א ברכה צו מאכען.

שרה: לייזער, קום, קום, זאג איך.

ביניש: ווארט, קליינשטעדטעלדיגע חיות, לאמיך אייך פארשטעלען, ביניטא, פריילין פיפיטא, האם זענען מיינע מעשוראסען.

שרה: וועה איז דער מאמען.

לייזער: ממזר, משרתים זענען מיר ביי דיר?

ביניש: אזוי פיהרט מען זיך אין די אריסטאקראטישע הייזער.

ביניטא: איי עם פלעזור טו מיעט יו.

פיפיטא: די פלעזור איז אלל מיי.

שמואל: גם אתם, גם אתם...

שרה: אמן, אמן, אמן...

לייזער: אמן סלה, אמן סלה..

ביניש. פראסטע מענשען, איהר ווייסט דען, ווער זיי זענען? פרינצעסינס, קעניגינס, בת־מלכות...

פיפיטא: דער קעניג פון בערגיען איז שטענדיג מיין גאסט געוועזען, ווען איך האב א געשרעה געטהון: קעניג: בינה מיר צו מיינע סאנדאלען, איז ער געלעגען ביי מיינע פיס ווי א נאמינג.

אלע. ווי א וואס?

ביניש: פּראָסטע מענשען, ווייסען ניט, וואָס נאָטינג איז, דאָס איז אזא מין קרענק, אין אמעריקא האָבען דאָס אלע גרינע.

בינימא: דאָ ביי אייך איז אַלעס טויט, אבגעשטאָרבען, ניטאָ קיין לעבען, ביי אונז אין נויאָרק אַ ך דושיוזעס קרייסט, טשייני טוין, ספּאָרטינג פּלייסעס, געמבלינג הויזעס...

אלע: דאָ, וואָס?

ביניש: וואָס פערשטעהט איהר ניט, פערדישע קעפּ! דאָס הייסט אודאי: בתי-מדרשים, מקואות, ביקור-חולים, צדקה-פּושקעס...

פּיפּיטא: אַך, קוני איילאַנד, דאָרט לעבט מען, מען גיט זיך אזעץ צוועק אויף דער רוטשבאַהן און וויאָ!

בינימא: און מען גיט זיך אַגליטש אַראָב פון שאָטינג דע שאָטס... דאָס האַרץ ווערט פערקיהלט, די אויגען שפּריצען מיט פייער, אַנעלעקטרישער שטראָם קריכט אַריין פון די פּיאַטעס ביז צום קאָפּ און וויאָ!

ביניש: פּאַפּאַשאַ, מאַמאַשאַ, ר' שמואל, איהר האָט געהערט? עס קריכט אין קאָפּ, און די פיס מיט עלעקטריציטעט און עס מאַכט וויאָ.

שרה: די האָסט געהערט, לייזער? עס קריכט אין די פּיאַטעס, און וואלייחיאָ (ביידע אָב).

פּיפּיטא: קאָם, באַבי, קאָם טו יור האַני.

בינימא: קאָם, סוויטהאַרט.

שמואל: געוואלד, קליפּות, שמע ישראל... אָץ קוצין בן קוצין... געוואלד, איך האָב אַ ווייב מיט פּיפּקעס... (אָב).

טערצעט:

אלע:

טרי משירס פאַר די יענקי דודעל,
די שקלאַפען אבשאַפען איז אונזער שטרעבען שטעטס,
אַנקעל סעם, ער איז אַ העלד אַ גדול.
עס גיבט ניט קיין קונצען, פון קעניגען פּרינצען,
אין די יונייטעט סטייטס.

די פאָהן דער פרייהייט פלאַטערט אימער צו,
קיין בעסערס איז ניטאָ, עס איז ניטאָ,
שרייט צוזאַמען אימער, אימער צו,
לעבען זאָל די פאָהן פון רויט, ווייס און בלוי.
טרי משירס... א. ז. וו.

בּינטאַ: פּריי לעבּט דאָרט יעדער זיך רוהיג, שטיל און פיין,
ערדרייכען, וואָס דו ציעלסט, האָבּען וואָס דו ווילסט.
קאָמישענער ווילאַמס איז אָבּער צופיעל שווין,
אָהן געלד לאָזט ער דאָרט קיינעם ניט אַריין.

בּיניש: איך גיב מיין וואָרט, אַז איך וואָלט דאָרט.
יאָ, וואַנדער אויפטהון זעהר פיעל געקענט.
איך ווער אַלייט, און מיט דער צייט,
וואָלט איך נאָך דאָרט געוואָרען פּרעזידענט.

אַלע: טרי טשירם... א. ז. ו.

בּיניש: געהערט האָב איך דערצעהלען,
מען האָט מיר בּעקאַנט געמאַכט,
אַ שטאָדט איז דאָרט פאַרהאַן,
וואָס מען לאָזט קיין גוי אַריין.
און בּראַנזוויל איז איהר נאָמען.
די לופט שמעקט דאָרט אַ פּראַכט,
און ציגען געהען דאָרט אַרום בּיי טאָג און בּיי נאַכט.

פּיפּיטאַ: איהר קאָנט דאָרט האַלטען, דאָס מאַך איך אייך אַ וועט.
האָטש 14 בּאָדערס נעהמט אויף איין אויפשטעל-בּעט,
נאָר דאָרט איז דאָ בּינגהעם,
איז ער אויך אַ גרויסער שווין.
אַ רוח איהם און זיין טאַטענס זוהן אַריין.
איך שווער דאָרויף, איך הענג איהם אויף,
אַזאַ מין המן דאַרף גאָר געהן צום רוח,
און אויך אַ שטריק, דאָרט זאָל דער בּיק,
נאָר פונקט ווי ויזתא שאָקלען זיך.
טרי טשירס... (טאַנץ)

פערוואַנדלונג:

בּיים גראַף לינקס, אַ שאָקעל-שטוהל, גראַף ליגט קראַנק. און מיטען איז דאָ אַ בּרייטער פאָרהאַנג, ווען מירעל זינגט בּיים גראַף דאָס ליעד „מענשעלע“ בּיים רעפריין, ציהט זיך אַוועק דער פאָרהאַנג, זעהט מען אַ בּילד, ווי אהרן האַלט דאָס מעסער בּיים קינד און דעם גראַפ'ס אייניאַן.

גראַף: ווער שטעהט דאָרט בּיי דער טהיר, ווי אַ שרעקענדער וואָלקאַן?
לייזער: אַ דינער שטעהט בּיי דער טהיר.

גראַף: זאָג דעם אַלטען ראַבּי ער זאָל וואַרטען אין צימער דאָרט (דיענער אָב). עס האַלט שלעכט, לייזער, מיין אַדוואָקאַט זאָגט מיר, אַז דעם פּראָצעס וועל איך פֿערלירען, און דער דאָקטאָר זאָגט מיר, אַז מיין לעבען שטעהט אין געפֿאַהר פֿון צופֿיעל אויפֿרעגונג. שרעקליכע חלומות מאַטערען מיך, ווען איך שליס נאָר מיינע אויגען צו...

לייזער: דערפֿאַר זאָג איך טאַקע, איהר זאָלט מיר אונטערשרייבען די פּאַפּירען, אַז די אַרענדע, די מיהלען, די וועלדער, זענען מיינע... איהר פֿערשטעהט?... לעבעדיגע מענשען...

גראַף בּאַלוואַן! לעבען גיב מיר, רוהע, גיב מיר... גיעב מיר צוריק מיין יוגענד, אָה, דאַן גיב איך דיר אַלעס אַוועק...

לייזער: גראַף לעבען, איך קאָן אייך נאָר געבען, וואָס איך האָב און וואָס מיין ווייב האָט...

גראַף: צום טייפֿעל מיט דיר! דו קאָנסט מיר גאָר ניט געבען, וויל דו האָסט גאָרניט.

לייזער: וואָס רעדט איהר, גראַף לעבען? אַז איך וועל זאָגען און מיין ווייב וועט זאָגען עדות, ווי איהר האָט געוואָלט, וועל איך דאָך האָבען אַ נעשירות, אוצרות, אַ פֿערמעגען, מטייטש...

רב:

רב: איך קאָן ניט הערען, ווי אַ מענש, אַ יוד, אַ טאַטע פֿון קינדער לעגט זיך אונטער ווי אַ הונד און גערעט זאָגען שקרים און אומגליקליך מאַכען אייך, גראַף, אייער קינד, אייער בלוט און פֿלייש צוליעב פּרנסה, פּרנסה? אַזאַ יוד, אַזאַ מענש ווי דו, קומט ניט קיין פּרנסה, סקילה, שרפה, הרג, וחנק — אָט דאָס פֿערדיענסטו, דו עוכר־ישראל!

גראַף: אַלטער, דיינע אויגען, דיין הימלישעס אויסזעהען, ווי אַ הייליגער זעהסטו אויס.... דו קוק ניט אויף מיר מיט דיינע שעלמישע אויגען, דו מאַכסט מיך פֿערריקט.

לייזער: רבי, וואָס טהוט מען אַצינד? מטייטש, איך פֿערליר דאָך די פֿעלדער, די וועלדער, וואָס זאָל איך טהון?

רב: וואָס דו זאָלסט טהון? אָה, גראַף, דער אַלטער אהרן שמאַכטעט אין געפֿענגניס, די און איך ווייסען, אַז ער האָט עס ניט פֿערדיענט.

גראַף: אָה, ער האָט מיין לעבען פֿערגיפֿטעט, מיין לעבען פֿערפּעסטעט, מיין עקזיסטענץ צושטערט. (אָהנמאַכט)

רב: גראַף, גראַף, זייט מוטהיג, זייט שטאַרק!

לייזער: אוי, וועה איז מיר, איך געה נאָך אַ דאָקטאָר (אָב).

רב: קומט אַריין, העלפט דעם גראַף, קום אַריין, מירעלע, עס איז קיינעם ניטאָ און איך קאָן איהם ניט ראַטעווען.

מירעל.

מירעל: ער שטאַרבט?!

רב: איך וועל אַריינרופען די דיענערשאַפט, איך וועל שיקען נאָך יעקב'ן, ער איז זיין פאָטער. אַזאַ אומגליק, אַזאַ אומגליק! (אָב).

גראַף: ווער ביזטו?

מירעל: ערשט ניט לאַנג איז דאָס געווען, האָט איהר מיך גוט געקענט, און ווי איהר האָט מיר מעהרערע מאָל פערזיכערט, האָט איהר אויך פיעל געדענקט פון מיר, איהר זענט געווען אונזער הויז-פריינד און היינט — אונזער ביטערסטער פיינד.

גראַף: אָה, מרים, שענע יודישע טאָכטער!

מירעל: און וואָס האָט איהר געטהון מיט דעם אומגליקליכען פאָטער פון דער שענער טאָכטער? — אין געפענגנים שמאַכטעט ער.

גראַף: מאַטערט מיך ניט, האָב ערבאַרמען מיט מיר, איך קאָן די קוועל ניט לענגער אויסהאַלטען, איהר שטעכט מיט שפּיזען אין מיין לייב, איהר שיסט קאַנאָנען אין מיין ברוסט (בילה פון אדרן).

מירעל: (זינגט):

מענשעלע מיינסט, דו וועסט עוויג לעבען,
דו דענקסט אין דיין ענדע גאָרניט,
תעניג און געלד, — דאָס איז דיין שטרעבען,
האָסט קיין רחמנות, פערגיסט מענשען-בלוט,
דו בויסט פּאַלאַצען מיט בלומען אַ סך,
און דו דענקסט, דו בלייבסט אימער דאָרט.
דו רויבסט דיינע ברידער,
ווילסט נאָר זיין רייך,
דו פערגעסט גאָר דאָס הייליגע אָרט,
וואו קברים-בלעטלעך, וואו גרינע גרעזלעך,
פערדעקען דיין עוויגע רוה.
און דיינע געדערמלעך, עסען ווערמלעך
עס העלפט ניט דיין רייכטהום דאַצו.

דעפּריין: האָב נאמנות מענשעלע, האָב רחמנות, מענשעלע,
דערמאָהן דיך אָן דיין ענדע דאָרט,
עהרליך לעב נאָר מענשעלע, צדקה גיב נאָר, מענשעלע,
ווערסט רוהיג ליגען דאָרט.
אויף דעם היילינגען אָרט.

II.

מענשעלע, ווען דו ווערסט נאָר געבאָרען,
ביזטו שוין פערורטיילט צום טויט.
מעהר דו געווינסט, מעהר האָסטו פערלאָרען,
דאַרום זיי אויף זיך ניט צופיעל פערטרויט.
לעב און לאָז לעבען, האָב תמיד גענוג,
און העלף אויך דיין שונא זאָגאַר,
לעב רוהיג דיין וועלט, זיי ניט צו קלוג.

ווי קברים-בלעטלעך א. אז. וו.

גראָף: דו האָסט עכט, יודישע טאָכטער, דעם מענשענ'ס לעבען איז ניט מעהר ווי אַ שטורם, וואָס צובלאָזט זיך אין זאַמד, פליהט, פליהט אַלע מאָל העכער, ביז ער פאַלט, פאַלט צו דר'ערד, פון וועלכער ער איז געקומען. דו האָסט מיך געהיילט, יודישע טאָכטער, דו ביזט מיין דאָקטאָר, מיין שוץ-ענגעל, מיין רעטערין, נאָר דו האָסט מיר הילפע געבראַכט.

דיענער:

דיענער: ה' יעקב וואַלערשטיין!

גראָף: ער זאָל קומען (דיענער אָב, יעקב ערשיינט). יעקב, מיין יעקב!

יעקב: ניט צו אייך בין איך געקומען, מיין הערר, מיין ווייב, מיין יודישע טאָכטער, איז דאָ, און צו איהר וויל איך רעדען.

מירעל: יעקב, גאָט מיינער, ווי אויפגערעגט! דיין גאַנצער קערפּער ציטערט.

יעקב: דו ביזט די אורזאַכע פון מיין אויפרעגונג, די שאַנדע, דיך אין זיין געגענוואַרט צו טרעפען. דאָס האָב איך ניט ערוואַרטעט.

מירעל: מיין פאָטערס פערצווייפעלטע לאַגע, מיין מוטערס אָהנאויפהערליכע טרעהרען האָבען מיך אַהער געפיהרט. איך בין געקומען בעטען.

יעקב: בעטען? ביי וועמען בעטען, ביי איהם?... האַך, דו האָסט רעכט! דיין פאָטער האָט דיין אויפאָפּפערונג פערדיענט, פאָטערס, וועלכע

איך קען, פֿערדיענען הינגעריכטעט צו ווערען פֿון זייערע אייגענע קינדער. קום, מיין טייערע ווייבעלע, דער באָדען איז פֿערפּעסטעט, אויף וועלכען מיר טרעטען אצינד (מירעל אָב).

גראף: דו בלייבסט דאָ מיט מיר, וואָס צווישען אונז איז פֿאָרגעקומען — דיין פֿאָטער בלייב איך דאָך, מיין בלוט פֿליסט אין דיינע אָדערען, און מיין בלוט איז ניט אינגאַנצען פֿערדאָרבען, ווען איך זעה פֿאַר מיר מיין פֿרוכט זאָ שען, שטאָלץ, ראַבע-זיכטיג און ערהרליך און איך וויל צו דיר רעדען, אַלס מאַן צו מאַן.

יעקב: וואָס פֿערלאַנגט איהר, מיין הערר?

גראף: איך וואָלט געקאָנט צו דיר פֿרייער רעדען, נאָר צווישען אונז ביידען ליגט אַ תהום, אַ פֿינסטערער, אַ שרעקליכער, אַ שווידערהאַפֿטער: דו ביזט יוד און איך — קריסט.

יעקב: איך בין יוד און שטאָלציר מיט מיינע ברידער און מיט מיין שטאַם

גראף. און איך וואָלט גליקליכער געווען, ווען דו זאָלסט זיין קריסט. זאָלסט ניט דענקען, אַז איך בין אַזוי פֿאַנאַטיש, איך זאָל דיר איינרעדען, צו מיט'ן קריסטענטהום וועסטו דיר רעטען דיין זעעלע. ניין, עס איז נאָר צוליעב דיר אַליין. דיין אייגענער קערפּער, דיין אייגענער „איך" זאָל ניט ליידען גלייך מיט אַלע געפּלאָגטע און געפּייניגטע יודען. דו מיט דיינע געבוירענע פֿעהיגקייטען, קאָנסט עס אַזוי ווייט ברענגען, אַז די גאַנצע וועלט זאָל דיך רעספּעקטירען און רייך מאַכען.

יעקב. מיין ליעבער קריסט, איך וויל אייך ענטפֿערען ניט ווי אַ קינד פֿון אַ קריסטליכען פֿאָטער, נאָר ווי אַ קינד פֿון אַ פֿאָלק, וואָס איז ליטער יתומים: יודישע קינדער זאָרגען פֿאַר זייער נשמה, ניט פֿאַר זייער קערפּער און דערפֿאַר שטעהט דער יוד העכער פֿון אַלע פֿעלקער מיט זיין מאָראַליטעט, מענשען-ליעבע און גאַסטפֿריינדשאַפֿט. ווען דער יוד זאָל וועלען פֿערקויפֿען זיין נשמה, וואָלט ער שוין לאַנג ניט בעדאַרפֿט וואַנדערן פֿון איין לאַנד אין צווייטען און זיין קערפּער וואָלט מעהר ניט געליטען פֿון מיתות-משונות און פּאָגראָמען, ער וואָלט נאָר געדאַרפֿט אַראָבוואַרפֿען פֿון זיך „דאָס פּינטעלע יוד". און אַרויפֿוואַרפֿען אויף זיך די טענדע-ווערענדע פֿון אייער גלויבען, און דערמיט וואָלטען זיך געענדיגט אַלע זיינע צרות און פֿערפֿאָלגונגען, און ווען דער יודישער קאָפּ זאָל איין מאָל אַריינקריכען מיט זיין שאַרפֿזין, מיט זיינע פֿינאַנציעלע פֿעהיגקייטען, מיט זיין דיפּלאָמאַטיע, אין אייער קריסטענטהום, דאַן וואָלט באַלד, נאָר אין אַ קורצע צייט, וואָלט דער יוד געהאַט די אויבערמאַכט און וואָלט די גאַנצע וועלט פֿערדונ-

קעלט. דעם יודענ׳ס צוועק אָבער, איז זיין נשמה, ניט זיין קערפּער, דאָס האָט איהר ביז יעצט ניט פֿערשטאַנען, איהר פֿערשטעהט מיך אַצינד בעסער. איך קען די לאַגע פֿון ביידען, פֿון קריסטען און יודען, און איך האָב מיין קאַריערע אויסערוועהלט: איך בלייב אַ יוד!

גראף. איך בין קראַנק, עס איז צופֿיעל מאַטער פֿאַר מיר, איך וויל ניט קיין פּראָצעסען, האָב מיטלייד, ריהרט זיך ניט אין דיר מיין בלוט, און דיין הערץ — קיין מיטלייד פֿיר אַנאַלטען קראַנקען מאַן?

יעקב. האָט זיך דאָס בלוט אין דיין הערץ געריהרט, ווען דו האָסט מיך אהרנ׳ען איבערגעגעבען ער זאָל מיך ערמאָרדען? וואָס וואָלט געוואָרען פֿון דער גאַנצער מענשהייט, ווען אַלע פֿאָטערס זאָלען אזוי האַנדלען, ווי איהר האָט געהאַנדעלט, ה׳ גראף? וואָס פֿאַר אַנ׳ענטפֿער פֿערלאַנגט איהר פֿון מיר אַצינד?... אוי, וועה, איך האָב גאָר פֿערגעסען, אַז מיין ווייבעלע שטעהט דאָרט אין דרויסען און וואַרט אויף מיר.

גראף. רוף זי אַריין, יעקב, רוף אַריין די יודישע טאָכטער, די פֿרוי פֿון מיין קינד.

מירעל:

מירעל. וואָס זאָל מען פֿאַר דער וועלט פּראָקלאַמירען: קריעג אָדער פֿריעדען?

גראף. פֿריעדען, מיין קינד, פֿריעדען. דער אַלטער קריסטליכער פֿאָטער קניעט־נידער פֿאַר זיין יונגען יודישען געלעהרטען זוהן און בעט מיט טרעהרען אין זיינע אויגען, מיט בלוט פֿון זיין הערצען, פֿערציהעט, פֿערצייהונג, מיין קינד.

רב:

יעקב. גאָט, ערבאַרם זיך, וואָס זאָל איך טהון, וואָס קאָן איך טהון?

רב. דיין פֿאָטער איז ער. יעקב, קאָנסט אַלס אַדוואָקאַט, אַלע געזעצען פֿערניכטען, אָבער ניט דאָס נאַטור־געזעץ.

מירעל. אַ יודיש האַרץ טראָגט ניט קיין שנאה, אין דעם יודען קלאַפּט אימער דאָס פּינטעלע יוד.

יעקב. פֿאָטער!

גראף. מיין קינד, מיין טייער קינד! פֿערצייהע מיר, מיין טאָכטער, מיין יודישע טאָכטער! רבי, רופֿט צוזאַמען אַלע יודישע בירגער פֿון דער שטאָדט און זאָגט זיי, אַז מיין פּאַלאַסט, וועלכער האָט אָבגעקאָסט הונדערט טויזענדער, שענק איך אַוועק דער יודישער געמיינדע פֿאַר אַ סינאַגאָגע און היינט נאָך, באַלד זאָל די צערעמאָניע געמאַכט ווערען.

יעקב. פאָטער, די האָסט ווידער דיין הערץ.

מירעל. עמפּפאַנג מיין דאַנק.

יעקב. אַזוי ווי מיר רייבען זיך יעצט די הענד, אַזוי זאָל קומען אַ צייט, ווען אַלע מענשען, קריסט און יוד, אַלע נאַציאָנען, זאָלען שליסען פריידען, ווי מיר אַצינד.

גראַף. קומט אַלע מיט מיר, היינט איז דער שענסטער טאָג אין מיין לעבען (אַלע אָב).

פערוואַנדלונג.

אַ רייכער פּאַלאַסט, וואָס דער גראַף האָט געשענקט פאַר אַ שוהל.

אַנסאַמבּל.

יעקב. שרייט הוראַ! צווישען קריסט און יוד איז פריעדען!

צום שלום קומט דער בר-מצוה-מאַרש, לאָזט זיך אַראָב אַ מגן-דוד, עלעקטריש בעלייכטעט אויפגעשריעבען „דאָס פּינטעלע יוד".

פאָרהאַנג פאַלט.